STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06598

LIEDER

L. Gorelik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. נארעליק



לידער

אַרױסגעגעבן פֿון דער
ליטעראַריש=דראַמאַטישער
געזעלשאַפֿט

ה׳ ווילנע, א.

* *
*

איך בין ווי א ווייכינקע בוימעל
וואס וואהנט גאַנץ אליין אויף א פעלד;
עס ליידט אינ׳ם זומער פון היצען,
עס ליידט אינ׳ם ווינטער פון קעלט.

קומט אָן און עס איילט זיך דער פריהלינג,
גיט ליעבליך א גלעט און פערשווינדט.
און ווידער אן עלענדע בלייבט עס
און בויגט זיך פאר יעטוויעדען ווינד.

אַ האָר.

האָב אויף מיין ראק אַ האָר געפונען,
און דורך די פינגער עס געצויגען —
איין איינציג יאהר פון מיינע יאהרען
האָט דורכגעשוועבט פאר מיינע אויגען.

איך האָב עס ווילד געקושט מיט טרערען,
עס איז די האָר געווען מיר טהייער —
דאָך בין איך צום קאַמין געלאָפען
און געווארפען עס אין פייער.

עס האָט מיין קרבן זיך געקאָרטשעט,
איך האָב געלאכט מיט ווילדען צאָרן,
און דורכ'ן פלאם האָט זיך געצויגען
איין איינציג יאהר פון מיינע יאהרען...

צו אַ קינד.

ס׳זיינען דיינע אויגען, קינד,
אזוי קלאהר און ריין פון זינד;

פון די אויגען — שעהן און גרויס,
קוקט דיין ריינע הארץ ארויס.

ווען איך קוק אין זיי אריין,
ווילט זיך גוט און עהרליך זיין;

קוק איך טיעף און קוק איך לאַנג,
ווערט מיין הארץ פול מיט געזאַנג.

פּלוצלונג גלאנצט ארויס א טרעהר
און איך קאָן ניט קוקען מעהר.

ווייל עס שפּיגעלט זיך דאָרט אָפּ,
מיין, מיט זינד בעפלעקטער קאָפּ.

אַ שלאַנג.

איך האָב געזעהן א גרינע שלאַנג.
האָט מיט'ן עק געקלאפּט;
האָב איך מיט שרעק פון שלאָף ערוואכט
און ארום זיך געטאַפּט...

מיך האָט געפרעהט, ניטאָ די שלאַנג,
דאָך האָט געטהאָן מיר באַנג;
איצט האָב איך שוין געוואלט זי זעהן
די שעהנע, בייזע שלאַנג...

פעדערען פליהען.

ליעגען פעדערען אין גאס,
ליעגען פעדערען אין גאס.

קומט אַ ווינטעל, כאַפּט זיי אויף,
וואַרפט זיי אויף א דאך ארויף.

שטעהט א אינגעל ביי א הויז,
ציהט ער זיינע הענטלעך אויס.

בלאזט דער ווינד פון דאך אראפּ
גלייך דעם אינגעל אויפ׳ן קאָפּ;

בויגט דער אינגעל איין זיין קאָפּ,
פאַלען פעדערען אראפּ.

גיט ער זיך א פלינקען בויג
און א פינטעל מיט׳ן אויג,

ס׳הענטעל צו דער ערד א קלאפּ
און א פעדעריל א כאַפּ:

האָט ער ס׳פעדער ניט געכאַפּט,
האָט דאָס הענטעל בלויז צוקלאַפּט...

שמאַרצט דאָס הענטעל איהם א גרויל,
לייגט ער עס אריין אין מויל.

ציהט דעם אינגעל׳ס האַרץ און ציהט —
און א פעדער פליהט און פליהט...

אַ הונד.

לויפט ארום אַ הונד אין שניי
און בילט מיט טיעפען וועה;
דאַכט זיך איהם, אז עמיץ הערט
זיין בעטענדען געשריי;

איך האָב פערבלאָנדזשעט פון מיין היים,
אָ, מענש, דערוואַרעם מיך!
איך וועל דערפאַר בעצאָהלען דיר,
דיר אָבלעקען די שיך...

א הונד איז קלוג, דאָך וויים ער ניט,
עס איז דער פרייז צו קליין...
לויפט ער אום און בילט און וויינט,
און מ'פיהלט ניט זיין געוויין.

אויף אַ יונגען בוימעל,

אויף א יונגען בוימעל,
אויף א דינעם צווייג
הענג ארויף דיין האָפען,
הענג ארויף און שווייג.

זאָל די וועלט ניט וויסען
פון דיין טיעפען צער,
נעהם פון צווייג אלס אויסטויש
אַ בלעטעל געל און דאַר.

מיין הויף.

ניטאָ קיין בלום אין הויז ביי מיר,
עס וואקסט קיין גרעזעל אויף מיין הויף;
און יעדען טאָג א פעדלער קומט
און קלייבט די שמאַטעס דארט צונויף.

פאַפּיר און פעדערען א באַרג,
און דא און דארט אַ טויטע מויז —
איך פרעס מיין שטערען צו א שויב
קוק גלאַט אזוי אין הויף ארויס.

אַט טרייבט דער ווינד א צייטונג אום,
אַט האָט די זון געטהאָן א שיין —
איך שטעה און טראַכט, איך וויים ניט וואָס;
עס טראַכט זיך אין דער וועלט אריין.

אין שפעטער נאַכט.

שפעט ביי נאַכט, א ניגון
ציהט זיך שטילערהייד;
וויינט דאָ וואו א פיעדעל?
כליפּעט וואו א פלייט?

ליג איך אויפ'ן בעטעל,
האַלט דעם אָטהעם איין,
דרינגט צו מיר דער ניגון
טיעף אין האַרץ אריין.

זינגט דאָ וואו א מוטער,
וויגענדיג איהר קינד?
וואָגעלט אַ נשמה,
קלאָגט אויף איהרע זינד?

אומעטיג דער ניגון,
ציהט זיך אזוי לאַנג,
מאַך איך צו די אויגען,
ווערט מיר אזוי באַנג.

איז עס מיין נשמה
אזוי שווער און מיעד?
זינגט עס אין דער שטילקייט
מיר א טרויער ליעד?

דאָס ליכט צאַנקט.

דאָס ליכטעל צאַנקט און ווארפט א מיעדען שיין,
עס פרעסט מיין קאָפּ זיך צו מיין האנד און טראכט —
ס'איז אומעטיג, עס וויינט מיין הארץ און מאָהנט;
וואָס האָבען דיינע טרוימען מיר געבראכט?

מיין הארץ דו וויינסט? בין שולדיג קעגען דיר,
איך האָב ניט ווילענדיג דיך אויסגענארט.
איך האָב געפיהרט דיך און געבראכט צום טהיר
און דאָ האָט מען פאר דיר די טהיר פערשפּארט...

עס מאָהנט מיין הארץ און וויל ניט רוהיג זיין,
מיין קאָפּ זיך פרעסט אלץ שטארקער צו מיין האנד
איך הויב זיך אויף און גיעב אויף אלץ א שפּיי
עס קרימט מיך נאָך מיין שאָטען אויף'ן וואנד...

פון מיטען וועג.

מיין גאָט, דו רופסט איך זאָל אַלץ העכער געהן,
דאָך ווייזט דו מיר קיין וועג, ווי אזוי.
כ׳האָב קריכענדיג צושטאָכען מיינע פיס,
פערבלוטיגט מיינע הענד — און צוליעב וואס?
אַ ביסעל שטויב, אַן אויסגעברענטען שטרוי.

דער בארג איז הויך, א מדבר ווייט און ברייט;
מיך דאָרשט, עס ברענט די זון אין מיטען וועג.
דערזעה איך ווען א קוועלכיל פון דער ווייט,
איז דאָס א טרוים, פערטראָגט עס באַלד דער ווינד,
און ס׳ציהען אהן א ציעל די לאַנגע טעג.

עס איז מיר שווער צו טהאָן אזוי ווי די,
וואָס שטרעקען אויס די הענד נאָך א „גוט ווארט״
און מיט הכנעה בעטלען זיי נאָך הילף;
איך בין אליין און קיינער הערט מיך ניט
און א פערבענקטער שטעה איך אויף אַן ארט...

כ׳זאָל שרייען ביז דערהערען וועט מען מיך?
מיין גאָט, עס איז מיין קול צו שוואך דערצו!
און כוח דארף מען אויך דערצו א סך,
איך האָב עס ניט — און שעהמענדיג בין איך...
און מיעד בין איך. עס בענקט מיין הארץ נאָך רוה.

עס בענקט מיין הארץ און ציהט מיך צו דער הויך.
זאָל איך מיין הארץ ארויסרייסען? — טהוט וועה!...
כ׳זאָל אין מיין צער געפינען זיך בעזיעגט
און נידערען צוריק אין גרויען טהאָל?
פערזינקען דאָרט, אין טומעל און געשריי?

זיך אָנטהאָן אויפ'ן קאָפּ א רויטען מיץ,
און האַנדלען? האַרץ פערקויפען אויפ'ן וואָג?
ביז בלייבען וועט דאָס לעצטע שטיקעל האַרץ,
וואָס וועט אַ צאַפּעל טהאָן און בלייבען שטיל — —
פערבענקען זיך צולעצט אין לעצטען טאָג...

און אלץ וועט בלייבען שטיל, ווי אלע מאָהל, —
נור אימעצער פערגיסען וועט אַ טרער
און איינגעבויגען זיפצען איבער מיר — —
מיין ליעבער גאָט, איך קען ניט געהן צוריק,
און העכער קריכען איז מיר אזוי שווער!...

דעם דיכטער'ס ווייב.

עם האָט מיין טאַטע מיר אַזוי געזאָגט:
„איך האָב דיך ליעב, עס טהוט מיר אַזוי באַנג
פאַר דיר, מיין קינד; ניט גיב זיך אָב צו איהם,
וועסט ליידען נויט דיין גאַנצען לעבען לאַנג.

דו ביסט נאָך יונג און ווייסט ניט וואָס דו טהוסט,
דו ביסט פערבלענדט און קענסט מיר ניט פערשטעהן."
עס איז מיין בליק געפאַלען צו דער ערד,
איך האָב געענטפערט איהם מיט אַ געוויין.

איך האָב געפיהלט, דער טאַטע איז גערעכט,
ער איז מיין פריינד און זעהט, אַז איך בין בלינד;
איך בין פערליעבט — אַ קינסטלער ליעבט ניט לאַנג,
און ס'טהוט דאָך וועה זיין האַרץ, בין דאָך זיין קינד. —

דער טאַטע האָט געגלעט זיין גרויע באָרד:
„חתנים זיינען דאָ גענוג פאַר דיר!"
איך בין אין צימער וויינענדיג אַריין,
און האָב פערריגעלט הינטער זיך די טהיר.

איך בין געפאַלען הילפלאָז אין מיין בעט,
עס האָט אין מיר געפיבערט יעדעס גליעד;
נור פלוצלינג קוועלט עפּעס פון האַרץ אַרויס,
און מיינע ליפּען מורמלען דיינס אַ ליעד.

איך ליעג אַזוי און טראַכט און זינג דיין ליעד,
מיין טאַטען זעה איך מעהר ניט לעבען מיר —
איך כאַפּ זיך אויף און ציה זיך אָן אַ קלייד,
אַזאַ וואָס דו האָסט ליעב און לויף צו דיר.

די קינדער מיינע זיינען בלאַס און דאַר,
און איך בין נאָך קיין דרייסיג יאהר ניט אַלט.
און זעה! איך בין שוין אזוי שוואַך און מיעד,
מיין פּנים איז צוקנייטשט אזוי און אַלט.

די קינדער וויינען אַלץ נור אויף מיין קאָפּ,
עס טרעפט גאַנץ אָפט, עס פעהלט דאָס שטיקעל ברויט —
און דו, דו האָסט א שליסעל צו דיין טהיר —
איך זיץ ביז שפּעט און ווין זיך שטילערהייט.

מיין מאַן, איך זעה דיך זעלטען אין דער היים,
און שטענדיג ביזטו אומעדיג, פערקלערט,
און ביזטו ווען אין הויז, בעפעהלסטו מיר:
„פערוויעג דאָס קינד, איך וויל ניט זיין געשטערט!"

דו ביזט אפשר גערעכט, דו שרייבסט א ליעד,
איך בין דיין פריינד טאָ לעז עס פאַר פאַר מיר;
איך לייד מיט דיר, טאָ טהייל מיט מיר דיין רוהם —
דו קענסט ניט לעזען, שרייבסט דאָס איצט פון איהר?...

דו ענטפערסט ניט, און געהסט ארויס, און איך
דערשלינג א טרעהר און שטיק אין זיך מיין וועה;
איך דריק, פערשעהמט, מיין קינד און קוש עס היים,
ווען דו, א שטאָלצער, זיצסט דאָרט אין קאַפעע.

פאַר די חברים לעזטו פאַר דיין ליעד,
א גליקליכער, ווען איך בין דאַ אליין,
דאָן טרינקט מען אויס א כוס פאַר דיין געזונד,
ווען איך פערוויג דאָס קינד און זינג און וויין.

נור ווען דיין האַרץ איז קראַנק, קומסטו צו מיר,
און טוליעסט איין דיין קאָפּ ביי מיר אין שוים;
מיין האַרץ ווערט ווייך, איך קרייזעל דיינע האָר,
און קוש דיר דיינע גרויסע טרערען אויס.

באַלד שטעהסטו אויף און כאַפּסט פּאַפּיר און שרייבסט —
עס שלאָפט דאָס קינד — נו, שרייב, מיין ליעבער, שרייב!
דו ביזט דאָך קראַנק, מיין האַרץ איז מוחל דיר — — —
ווי שווער עס איז צו זיין א דיכטער׳ס ווייב!

בעגעגענים.

כ׳געדענק, מיר זיינען קליין געווען
און האָבען זיך אין זאַמד געשפּיעלט,
געוואָרפען שטיינדלאך אין דער הויך
און אין אַ ציעל-ברעט זיך געציעלט...

און איין מאָל, ס׳מזל אויסגעפּרובט:
אַז ווער עס וועט נור טרעפען גלייך,
דער וועט אַ מזל׳דיגער זיין
און אויסוואקסען געזונד און רייך...

א הויד, א וואָרף די שטיינדלאך, און
געטראָפעןביידע גלייך אין ציעל;
מיר זיינען גליקליכע אוועק
בעגייסטערטע מיט אונזער שפּיעל...

עס האָט דאָס מזל אונז צעשיידט
צו זוכען אונזער גרויסען גליק
און נאָך אַ לאַנגער זוכענים
אונז איצט צונויפגעבראכט צוריק.

מיר האָבען זיך די הענד געדריקט
און באַלד אויף עפּעס זיך פערטראכט,
אַ ווײַלע שוויינענד זיך בעקוקט —
און ביידע ביטער זיך צולאַכט...

מיינע יאָהרען.

ערגעץ אויף א הויכען באַרג
אין אַ פּעקעל, צו א שטיין, ליגען צוגעבונדען
מיינע יאָהרען;
געהט א מכשפה יעדען יאָהר פערביי,
געפינט זי עס, באקוקט זי עס,
און מיט צארן,
מיט איהר שפּיציג לאַנגען פּוים
טהוט זי עס א שטויס
צערייסט דעם בונד . . .
פון דער מכשפה'ס שטויס, אויפ'ן הויכען באַרג,
ווער איך עלטער מיט א יאהר
און אין הארצען ווערט א פרישע וואונד.

אין אַ בלייכען טאָג.

דער טאָג אזא בלייכער, א וויינענדיג בלייכער,
פויל ציהט זיך א רויך פון אַ קוימען ארוים ;
עס קלינגט וואו א גלאק, און עס דאכט זיך — דער נאָכקלאַנג
זיך וויעגט ווי אַ טרויער, וועלט איין און וועלט אוים.

אזוי ווי א זיפץ פון פער׳יתום׳טע ימים,
דערגרייכען די לאַנגזאמע טענער אהער,
אַ ווינטעל שווימט דורך און צוזייהט און פערווישט זיי
און אומעטיג ווערט אויפ׳ן הארצען און שווער.

עס גיבען מינוטען.

עס גיבען מינוטען אין לעבען,
דו זוכסט זיך איין איינזאַמען אָרט;
פון מענשליכע אויגען אנטלויפען,
ניט רעדען צו קיינעם קיין וואָרט.

בעהאַלסט זיך אין ערגעץ און גריבעלסט
זיך טיעף אין דיין אייגענעם „איך".
זוכסט ניט דיין שלעכטסקייט בעהאַלטען
און זוכסט קיין זכות אָבות פאר זיך.

דאַן פיהלסטו זיך מיאוס און קליינליך,
אין שווארצע מחשבות פערקלעהרט,
הויבסט אויף זיך מיט בלאַנדזשענדע בליקען
און שווער אויפ'ן הארצען דיר ווערט.

שטרעבען.

כ׳בענק נאָך ליעבע, ווען ניטא —
ווער ס׳זאָל דאָס מיר שענקען,
ווען איך קריעג די ליעבע, דאַן —
בענק איך נאָך דאָס בענקען...

בין איך איינזאם, זוך איך פריינד,
וואו מיין אומעט שטילען,
קריעג איך זיי, באַלד ווילט זיך מיר
איינזאם זיך צו פיהלען...

אזוי שווימט, טאָג איין טאָג אויס,
ס׳אויפגערעגטע לעבען,
שטרעב איך, קריעג די וואָס איך שטרעב,
בענק איך נאָך דאָס שטרעבען...

יוגענד.

דער יוגענד פייער לעשט זיך אויס,
דער שטורם ווערט אנשוויגען:
ווי בלעטלאך צוטראָטענע
די יוגענד טרוימען ליגען.

אַ קורצע פריהלינג פאַנטאַזי
וואָס נאַרט אָב די געפיהלען;
עס לאָזט נור מיט אַ זונען שטראַהל
אַ אויגענבליק זיך שפּיעלען.

אַ צויבער-בילד אין חלום נור,
וואָס רייצט אויף צו פערלאַנגען;
ערוואכט מען, באַלד געפינט מען זיך
אין ווירקליכקייט געפאַנגען.

זאָל איך?

איך זאָל זיך אויפבויען א הויז?
ווער וויים, ווער עס וועט וואָוינען אינ'ם הויז:
אפשר א דאָמאָוויק מיט אויגען געל און גרויס,
אפשר א גרויסע, גרויע מויז?

און אפשר וועט א שונא אָנקומען אין לאַנד,
און וועט דאָס הויז צושטערען מיט זיין ווילדער האַנד?
ווער וויים, ווער וויים, אויב מיינס א קינד
וועט פארטזעצען מיין לעבען אינ'ם הויז?

גאָר אפשר פון מיין נאָמען חוזק מאַכען,
אָדער מיך אין גאַנצען ניט דערמאָנען?
ווער וויים, ווער וויים —
זאָל איך זיך אויפבויען א הויז?

אויף דער עלטער.

איך טהו א טראכט: ווי אַלט בין איך?
באַלד וועלען נאָך אזוי פיעל יאהר
פערביילויפען און איך וועל זיין
אַן אַלטער איד מיט גרויע האָר.

און איינגעבויגען וועל איך געהן
א גראָבער שטעקען אין דער האנד;
און צווישען פיעלע בילדער וועל
איך זעהן מיין אינגסטע אויפ'ן וואנד.

וועל שאָקלען שטום מיין גרויען קאָפּ:
ניט לאַנג ביזטו געווען אזוי,
די אויגען קלאָהר און שווארץ די האָר.
איצט ביזטו אַלט — איצט ביזטו גרוי. —

וועל קוקען אויפ'ן בילד, — אויף זיך
א שמייכעל טאָהן צו זיך אליין,
דו אַלטער נאַר... דו אַלטער נאַר...
באַלד וועסטו געהן, באַלד וועסטו געהן...

אין דער פינסטער.

אין דער פינסטער איז מיר בעסער
ס'איז מיר גרינגער, פרייער.
אין דער פינסטער זעה איך ווייטער...
לעש איך אוים דעם פייער.

אין דער פינסטער קריג איך פליגעל
שוועב אין ווייטע רוימען —
קיין זאך קאן מיר דאן ניט שטערען
כ'בין מיט מיינע טרוימען;

טראגען זיך פאר מיינע אויגען
מיינע בעסטע צייטען,
און דאס שעהנסטע פון מיין יוגענד
זעה איך דאן פון ווייטען.

אין דער פינסטער קריג איך פליגעל
ווער איך גרינגער, פרייער, —
ווילט זיך מיר א ווילע פריידען,
לעש איך אוים דעם פייער.

##ביים וואַסער.

ביי דעם זוים פון גרינעם בערגעל,
ליעגט א שטילער, קלאָהרער וואַסער;
נעבען וואַסער אויפ׳ן בערגעל
זיצט אַ אינגעלע אַ בלאַסער.

זיצט דאָס אינגעלע און שמייכעלט,
ס׳איז דאָס וואַסער איהם געפעלען;
טהוט אַ צאַפּעל זיך אַ פישעל
הויבט אָן ס׳קינדער האַרץ צו קוועלען.

וואַרפט ער שטיינדעלאך אין וואַסער,
הויבט דאָס וואַסער אָן צו זינגען,
דינע כוואַליעלעך זיך שפּרייטען
און זיי רינגלען זיך אין רינגען.

און דאָס ריינע קינדער-הערציל
קוועלט און פרעהט זיך פון גאָט׳ס וואונדער — —
גאָט, לאָז פליסען דיינע קוואַלען
פאַר די ליעבע קליינע קינדער!

פאַרטאָג.

עמיצער האָט אויפ'ן הימעל
אַ פּוכיגען לייּלאַך געשטריקט;
און ס'האָבען דאָרט, דאַכט זיך מלאכים
בעפליעגעלטע שטיל זיך געוויעגט.

שאַ... שטיל און עס בלאָנדזשעט אַ פּינזעל
געטונקט אין אַ רויזען קאָליער;
בעפאַרבט עס דעם מזרח און ס'טראָגט זיך
פון לייּלאַך צום מזרח אַ שיר.

משמעות דאָס זינגען מלאכים
צום בורא, און ס'לעשען זיך אויס
די שטערען, און שטאָלץ מאַיעסטעטיש.
די קעניגען זון קומט ארויס.

טאָג און נאַכט.

עס קומט די שווארצע נאַכט
און זאָגט צום שעהנעם טאָג:
זעה נור, יחסן דו,
זעה, וואָס איך פערמאָג!
א הימעל רייך בעפוצט
מיט שטערען אלערליי,
און ווי די טהייערסטע
בריליאנטען שיינען זיי.

די לבנה שוועבט,
בעטראַכט די שטילע וועלט,
עס רוהט זיך יעדער אוים
אין זיין שטיל געצעלט.
די טייכלעך ליעגען זיך
מורמלענדיג פערטראַכט;
די בוימער סוד'ען זיך
אין שטילקייט פון דער נאַכט.

כ'פערמאָג אויך אַנדערע
אוצרות אָהן א שיעור,
זיי-זשע מוחל טאָג,
און לאָז דעם פלאַץ פאַר מיר.

אַ שטאָלצער, שמייכלענדיג
געהט אוועק דער טאָג;
און זיעגרייך צייגט די נאַכט,
זעהט, וואָס איך פערמאָג...

*   *
*

כ׳האָב געקויפט א בינטעל בלומען
און געוואָלט צו וועמען שיקען;
ניט געווען צו וועמען שיקען
האָב איך עס פאַר זיך גענומען.

כ׳האָב אַ קריגעל ווײַן געטרונקען
און געוואָלט מיט וועמען טהײלען;
ניט געווען מיט וועמען טהײלען.
כ׳האָב אלײן עס אויסגעטרונקען.

כ׳האָב א הארציג ליעד געזונגען
און געוואָלט מ׳זאָל מיך הערען;
ניט געווען ווער ס׳זאָל מיך הערען.
האָב איך עס פאַר זיך געזונגען. . . . .

אויפ׳ן טוידט פון י. ל. פרץ.

שטילער אלע קעפּ געבויגען!
טיעפער טרויער אין די אויגען,
שטיל אין שטוב און שטיל אין גאַס
יעדער פּנים טרויריג בלאַס.

טוידט איז אונזער גרעסטער איד,
טוידט איז אונזער שעהנסטער גליעד,
שטילער טרויערט אָהן געשריי
ס׳איז צו טיעף דער טיעפער וועה!

.1915

פאָלקס מאָטיוון.

— .1 —

אַ פאַלשער חתן

װער האָט עס היינט מיין שלאָף געריבט,
מיין גליק מיר צוגענומען? —
עס האָט מיין חתן מיר געבראַכט
אַ בינטעל רויטע בלומען.

נו, איז דאָס בינטעל עפּעס לויז.....
עס פעהלען צוויי-דריי בלומען,
זאָגט מיר שוין מיין האַרץ, פאַר וואָס
ער איז היינט שפּעט געקומען...

ער האָט געווים בעגעגענט היינט
אָט יענע בלאָנדע דאַמע,
גע׳גנב׳עט פון מיין בינטעלע
און איהר געשענקט מסתמא.

נו, וועל איך וויינען שטילערהייט,
ביז עס וועט ליכטיג ווערען:
דאַן וועל איך לויפען גלייך צו איהם,
און ער וועט מוזען שווערען —

אַז ער וועט יענער דאַמע דאָרט
קיין בלומען מעהר ניט שענקען;
אויב ניט וועל איך ברוגז זיין
און ער וועט דאָס געדענקען!...

— .2 —

אַ שוועסטער.

טאַנצט דער טאַטע מיט דער באָבען
און די מאַמע מיט'ן זיידען,
איך נור זיץ אליין דאָ,
כלי-זמר שפּיעלען דאָרט אַ פרעהליכס,
און די כלה שיינט פאַר פריידען,
און איך זיץ און וויין דאָ.

כ'וואָלט זיך פרעהען גלייך מיט אַלע,
מיך דאַרף עס אַ האָר ניט אַרען,
דאָס, וואָס זי איז אינגער...
כ'וועל שוין — זאָגען זיי — פערזיצען,
זאָלען זיי עס ניט דערהאַרען,
אָט די בייזע צינגער!

כ'האָב דאָך אַזוי ליעב מיין שוועסטער —
ס'אַ רחמנות אויף דער מאַמען;
ס'פרעגען אויף מיר אַלע.
כ'וועל מיר אויסווישען די אויגען
און מיט אַלעמען צוזאַמען
טאַנצען מיט דער כלה...

— .3 —

זינגט אַ יונגע מאַמע.

ליעבינקער, קליינינקער מלאכ'ל מיינס,
ווי טיעף איז מיין גליק און ווי גרויס;
ווען ס'שמייכעלט זיך זאָרגלאָז דאָס פּנים'על דיינס
ווען כ'ליוליע דיך איין אויף מיין שויס.

איך זינג דיר דאס בעסטע פון האַרצען ארויס,
בעשיט דיך מיט ברכות אסך;
ניט בייטען כ'וועל פעסער מיט רענדלאך געפּאקט
פאַר דיינעם אן איינציגען לאך.

נו, נו, נו, לאך זשע אביסעלע, נו
דו ביזט דאָך מיין נחת מיין קרוין
מ'דאַרף דאָך אויספּאָהרען די גאַנצענע וועלט
צו זוכען אזא מין פאַרשוין.

און אז מ'וועט פאָהרען און זוכען איז וואס?
וואו וועט מען געפינען זאָג וואו?
דו ביזט דאָך דער איינציגער מלאך'על מיינס
נו לאך זשע אביסעלע נו!

4

רחל'ע די גאָלדענע

א קינדער ליעד.

שפּיעלען מיר אין בלענדענים
יאָגען אום זיך פריי,
רחל'ע די געלינקע
געהט אזוי פערביי.

יאָגען מיר זיך אַרום איהר,
אַלע אין א ראָד;
זינגען מיר און דרעהען זיך
אין א קאַראַהאָד;

רחל׳ע — די געלינקע,
מיט - די - געלע - האָר,
טאַנצען מיר און רייצען זי,
זינגען מיר אין כהאָר.

האַלט זי ס׳פינגערעל אין מויל
שטעהט פערשעהמטערהייד
ווישט די בלויע אויגעלאַך
ווײנט זיך שטילערהייד.

שרייט זי בליפענדיג ארויס:
מאַמע - האָט - מיך - האָלד!
זאָגט זי — מיינע - הערעלאַך
זיינען - לויטער - גאָלד!

גלעטען מיר זי: טאַנץ מיט אונז,
מיר האָבען דיך האָלד,
רחל׳ע - די - גאָלדענע —
שענק - אונז - פון דיין גאָלד!

5

אויף די וועגען ריינע.

אויף די וועגען ריינע,
אויף די פעלדער פרייע
וועל איך מיר ארויסגעהן
זוכען מיין געטרייע.

וועל איך זי געפינען,
אויף די ריינע וועגען
וועט זי מיט א שמייכעל
קומען מיר אנטקעגען.

וועט זי מיט די אויגען
קושען מיך און גלעטען —
וועל איך פאר איהר קניהען,
וועל איך צו איהר בעטען.

וועל איך צו איהר צוגעהן,
זי ארומצענעהמען,
וועט זי זיך ניט לאָזען,
צניעה'דיג פערשעהמען.

מיט פערמאַכטע אויגען
וועט זי מיך בעשווערען:
ביז איך וועל אין גאַנצען
נור צו דיר געהערען.

ביז עס וועלען קומען
יענע גוטע צייטען,
מוזטו דערוויייל, מיין ליעבער,
האַלטען זיך פון ווייטען.

ווינטער.

דער ערשטער שניי.

ס׳וועבט דער הימעל אוים א לײלאך,
פון דעם ערשטען צארטען שניי;
קומט די זון מיט איהרע שפּיעזלאך
און צורייסט עס איינס און צוויי.

ליעגט דער ליילאך א צופליקטער,
שטיקער וואלגרען זיך אום
שטיקער שמאטעס שווארץ פערפלקטע,
ליעגען, פוילען אומעטום.

און א צווייטער, און א דריטער
ווערט צוריסען און פערפלעקט;
ביז עס קומט צוהילף א פרעסטעל
און די ערד ווערט צוגעדעקט.

* *
*

דרייט דער שניי אין לופטען זיך,
דרייט זיך אין אַ ראָד.
פאַלט דער שניי און פאַלענדיג
טאַנצט אַ קאַראַהאָד.

קוק איך אויף דעם צאַרטען שניי
ווי עס טאַנצט און פאַלט
ווערט מיר עפּעס אומעטיג
ווערט מיר עפּעס קאַלט....

דער אייביגער קאמפף.

עס שיקט די קעניגין, די זון,
אַ צאַרטען, גאָלדען-שטראַהל
פערפרוירען פאַלט ער און ער זינקט
אין קאַלטען וואסער-פאַל.

עס זעהט די שעהנע קעניגין,
עס שווינדט, עס שווינדט איהר מאַכט
און קלענער ווערט דער שעהנער טאָג
און גרויס די שווארצע נאַכט.

און וואָלקענס בייזע, קרענקליכע...
פערפיהרען א געשלעג...
און שיקט זי דאַן א שטראַהל ארויס
קומט ער אום אין וועג

זי קעהרט זיך אָפּ און ס'דעקט די ערד
מיט שניי און אייז זיך צו.
זי וויל מיט זיי ניט שלאָגען זיך,
צו שטאָלץ איז זי דערצו...

עס שיקט די זון דער טויטער ערד
אַ טרויעריגען בליק,
זי דעקט איהר טרויער-שלייער אָב
און טהוט איהם אָן צוריק...

שנײ

װײַסינקע בלימעלאַך, װײַסינקע בלימעלאַך!
שטיפעריש פליִען זײ, יאָגן זיך אום:
ס׳דאַכט זיך, עס שפּרײט זיך אַ לײַלאַך אַ ציכטיגער
און ער פאַרדעקט אַלץ אַרום און אַרום.

אומעטיג קוק איך אויף דער דעקאָראַציע,
פאַלט ניט דער שנײ דען פאַר אַלעמען גלײַך?
ס׳שיקט אונז דער הימעל זײַן אוצר פאַר אַלעמען,
מאַכט ניט קײן אונטערשיד — אָרים, צי רײַך!

דאָך זע איך קינדערלאַך װאַרעם געקלײדעטע,
טאַנצן און שליטלען זיך, װערן ניט מיִעד;
אַנדערע שטײען דאָ נאַקעטע, בלײכינקע,
קאַלט איז זײ, ס׳טרײסלט זײ יעטװידער גליִעד.

אומעדיג קוק איך אויף דער דעקאָראַציע.
ס׳נאָגט מיר אין האַרצן דער צאַרט װײַסער שנײ:
טויזנטער ליפּן באַזינגען איהם װאונדערליך,
טויזנטער אַנדערע שילטן פאַר װעה.

אַ ווינטער פאַרנאַכט.

אַ ליעבער, אַ ווארעמער ווינטער פאַרנאַכט,
קיין סימן פון שניי;
איך בלאָנדזשע ארום אין די גאַסען אליין
עס גלעט מיך די לופט און איך קאָן ניט פערשטעהן
וואָס טהוט מיר דאָס הארץ אזוי וועה?

געווען היינט אַ שעהנער, אַ זוניגער טאָג,
פערבראכט מיט חברים אין גאַס;
געשטיפט און געפרעהט זיך, — געבליבען אליין
עס גלעט מיך די לופט און איך קען ניט פערשטעהען
וואָס זיינען די אויגען מיר נאַס?

איך געה איצט אהיים און מיר ווילט זיך דארט קיינעם ניט האָבען.
אליין וועל איך זיצען אין שטילען און דונקעלען צימער;
אַ צאנקענדע ליכטעל וועט ווארפען אַ דונקעלען שימער
איך וועל אויפ'ן בעטעל מיין פנים אין קישען איינגראָבען.

אזוי וועל איך ליגען, מיין קאָפּ אין רעיונות פערזונקען
וועל קלעהרען פון אלץ, און פון גאָרנישט און גאָרנישט באקלעהרען —
דאָס ליכט וועט זיך לעשען און ווארפען אַן אומעט אַ שווערען
און מיר וועט זיך דאכטען, ס'האָט עמיץ אין ווינקעל געוואונקען...

צו אַ ווינטער-נאַכט

שעהנע, ווייסע ווינטער-נאַכט,
ס׳האט מיין ליעבסטע זיך צולאַכט,
הערסטו, ווי עס קלינגט?

גיסט זיך ניט קיין זיסער ווייך
אין דיין קאַלטען הארץ אריין?
הערסטו, ווי עס זינגט?

זינגסט איהר נאָך און ענטפערסט אָפּ
יעדע זילבע, יעדען טראָפּ;

לערענסט זיך איהר ליעד אזוי?
שיק דערפאַר צו איהר א שניי,

ווארף מיין ליעבסטער אויפ׳ן קאָפּ
שנייעלאך א סך, א סך.
זי וועט אָבדאנקען דיר באלד
מיט א קלינגעדיגען לאך!

אין שניי-שטורעם

סאָנעט.

כ'בין א קינד פון שטורעמדיגע וועלטען,
כ'בין א קינד פון אומרוה און פון פיין;
כ'געה אין שניי-שטורעם אין ווייסער וועלט אריין
ווען אלע זיצען רוהיג אין געצעלטען.

ברומט דער ווינד פון פאָרענט און פון הינטען,
כוואַליעס ווייז, פאַלט אויף מיר דער שניי,
עס רעגט מיין האַרץ, איך געה אזוי און געה
און לאָז זיך פיהרען פון די ווירבעל ווינטען.

שרייט דער ווינד, הו-הו — און מאַכט פון שניי א טורעם,
טורעמט זיך דער שניי און פאַלט צוריק מיט שטורעם;
שריי איך אויס פאַר פרייד, עס ווערט מיר אזוי גוט.

דרעהען שדים זיך און הוליען מיט געפילדער,
הוליע איך מיט זיי און פרעה זיך ווילד און ווילדער,
ווייל אין שטורעם יאָגט זיך הייסער נאָך מיין בלוט.

אַ וויין ליעד.

פרעהליך קינדער! הויבט די בעכער,
טרינקט דעם רויטען וויין.
הויבט די שטימען העכער, העכער
לוסטיג לאָמיר זיין. —

זאָל אונז היינט די יוגענד שיינען
אין איהר פולער פראכט,
זאָל זי לאכען, זאָל זי שטורמען
מיט איהר גאנצער מאַכט. —

בלויע אויגען, בלאָנדע לאָקען,
בעקלעך צונטער רויט
האַלטען זייערע רויטע ליפּען
באַלד צום קושען גרייט

אַך! די זיסע, ליעבע יוגענד
האָט ביי אונז ערוואכט,
און זי פאָדערט איהרע חובות
אין אַ ווינטער-נאַכט...

פרעהליך פאַלט דער שניי אין דרויסען
שפּיעלט צום טאַקט אונז צו...
זינגט-זשע חברה! זינגט זשע חברה
לעבעדיגער, נו!...

אויפ'ן טייך.

.1

אוועק פון די שטורמדיגע גאַסען,
פערלאָזען דאָס רוישיגע לעבען,
פערטריבען פון זיך אַלע זאָרגען.
האָב איך זיך דעם טייך אָבגעגעבען.

מיין האַרץ האָט די שטענדיגע דאגות,
דאָ איינציגווייז אַלע פערלאָרען:
צושפּרייט אויף די שוימיגע כוואַליעס,
און פריי איז דאָס האַרץ מיר געוואָרען.

.2

זינגט מיין האַרץ אַ שטילען ניגון
צו דעם ברייטען, ווייטען טייך.
קיינער ווייסט ניט, קיינער הערט ניט
איך נור פיהל עס און דער טייך.

שפּרינגען געגען מיר די כוואַליעס
און בעגריסען מיך אין וועג;
טראָגט מיך, טראָגט מיך, ווילדע כוואַליעס
אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג

.3

ציהט זיך א מילך-שטראָם פון אונטער'ן שיף,
ווערט עס פערשוואונדען צום גרונד טיעף, טיעף.

פלעכטען דאָרט מיידלעך פאַנאַנדער די צעפּ,
שעפּען זיי מילך אין בורשטינענע טעפּ.

קומט זייער קעניג צורייטען צו זיי,
גריסען זיי איהם מיט פריידענס-געשריי.

שאָקעלט דער קעניג צופריעדען זיין קאָפּ,
טראָגט מען איהם אונטער מיט מילך פול א טאָפּ.

טהוט אוים דער קעניג זיין קרוין און כאַלאַט,
פרעהען זיך אלע און טרינקען צו זאַט.

.4

שטיעפען די שוימיגע כוואליעס.
זקנים מיט זיעלבערנע בערד ;
יאָגען זיך לייבען און שלאַנגען!
אויף ווייסע געהויקערטע פערד.

פלאטערען פויגעלאך ווייסע,
אין גאָלד און זיעלבער געקליידט — —
שפיעלט אייך, איהר פויגעלאך פרייע,
שטיעפט אייך געזונטינקערהייד...

אין אַ זון טאָג.

.1

האָט גאָט א ליעבען פריהלינג-טאָג
צו דער וועלט געשיקט,
האָב איך פאר פרייד די גאַנצע וועלט
צו מיין האַרץ געדריקט.

מיין ליעבער גאָט, ווי ליעב האָב איך
דיין וועלט בעקומען היינט;
איך פיהל איך האָב קיין שונאים מעהר
און איך בין יעדענ׳ס פריינד.

.2

נעהט א מיידעל פארבײַ מיר,
שמייכעלט זי פאר גליק,
קוק איך לאַנג אויף איהר, און זי
שעהמט זיך פאר מיין בליק.

כ'האָב פאר פרייד פערקוקט זיך בלויז
אויף דיינע בלאָנדע האָר;
שעהם זיך, מיידעל, ניט פאר מיר
אין שעהנסטען טאָג פון יאָהר!

.3

כ׳האָב אנטקעגען זון געפרעהט זיך,
און א גליק־וואונש דיר געשריבען;
כאָטש מיר האָבען איינם דעם צווייטען
לאַנג שוין אויפגעהערט צו ליעבען.

ס׳האָט אין האַרץ דאָס גליק געשטורעמט:
— וואָס איז זיך דען דאָ צו שעהמען?
כ׳וואָלט עס וועמען אַנדערש שרייבען,
ניט געווען אָבער צו וועמען . . . .

4

געהט אַוועק דער ליעבער טאָג,
קומען שאָטענס, ווערט עס קיהלער;
וועבט א בענקשאַפט זיך אין לופט,
קריכט אין הארצען שטילער.. שטילער....

געהט אוועק דער ליעבער טאָג,
דאַכט מיר, כ'האָב עפּעס פערלאָרען;
האָב געפונען היינט א גליק,
אַזוי גיך עס אָנגעוואָרען.

געהט אַוועק דער ליעבער טאָג....

5.

אין הויז אריין ניט געהן.
אין גאַס איז אזוי לופטיג,
דער הימעל אַזוי ריין,
ווילט זיך גאָר אין אַזאַ נאַכט

אין גאַס איז אַזוי לופטיג,
דער הימעל אַזוי ריין;
וועל איך אין א שטילער גאַס
לאַנג אזוי זיך געהן.

.6

ס'האָרץ איז אזוי וואַרעם,
די הענד זיינען מיר קאַלט;
שוועבט פאר מיינע אויגען
עפּעס אַ געשטאַלט.

כ'בין שוין אויף דער עלטער.
ס'ציטערען די הענד,
כ'קוק מיט שטאַרע בליקען
כתם זיך אויף די ווענד.

בעט איך גאָט און לויב איהם —
אלט בין איך און פרום —
קומען מיינע .קינדער,
רינגלען מיך אַרום.

שטיפען זיי און לאַכען,
לאַך איך אויך מיט זיי —
לעב איך אין די קינדער
זעה איך זיך אין זיי .. . .

שוועבט פאר מיינע אויגען
עפּעס א געשטאַלט,
ווערט מיר אזוי וואַרעם,
ווערט מיר אַזוי קאַלט . . .

צו אַ מאַנאַשקע

מיט׳ן וואַנגעליום אין האַנד,
דו שטעלסט זיך אויף די קניה,
און הויבסט די אויגען אויף צו דער
שטיין-שווייגענדער מאַרי.

דו רופסט צו יעזוס׳ען, ער זאָל
צו אונז אַרונטערגעהן — —
דו נאַריש מיידעל, צי דערויף
האָט גאָט געמאַכט דיך שעהן?

צו זיין פערליעבט אין יעזוס׳ען
און שענקען איהם דיין בליק?
דיר האָט די אויגען גאָט געשענקט
נור צוליעב אונזער גליק!

דיין פּנים אַזוי וויים און צאַרט,
די אויגען בלוי און גרויס,
וואָס קוקען אַזוי מילד און וויך
פון שוואַרצען טוך אַרויס..

איך גלויב: דו האָסט אויך בלאָנדע האָר,
און דעקסט מיט שוואַרץ זיי צו —
דו מאַכסט מיך אַזוי נייגעריג,
דו נאַריש מיידעל דו!

האַרץ שטורעם.

עס שטורעמט דאָס האַרץ און ס'איז שטיל ארום מיר,
איך ליעג אויף מיין בעטעל און קוק צו דער טהיר,
מיר דאכט זיך, עס קומט ווער; איך שטרעק אוים א האנד.
בעגריסט עס זיך באלד מיט דעם שאָטען פון וואנד;
עס האָט אלץ פערשלונגען די שטילקייט פון נאכט,
מיין האַרץ אָבער צאַפּעלט און שטורמט און וואכט;
איך עפען דאָס פענסטער און קוק אין דער שטיל,
אין האַרצען ערוועקט זיך א מאָדנער געפיהל.
דאָס האַרץ איז פערביטערט און טרויעריג באנג;
נו, וועקט זיך א גוסס'ער אלטער פערלאנג;
איך עפען די טהיר — ניין, איך קען עס ניט טהאָן
איך ציטער, עס קלאַפּט מיר א צאָהן אָן א צאָהן.
דו נארישער בחור, זי ווארט דאָך פאר דיר
דאָך שפּרינג איך צוריק פון דער אָפענער טהיר;
איך טרעט צו צום פענסטער, עס סור'עט א ווינד,
דו קענסט ניט און וועסט ניט בעגהן אזא זינד.

ניטאָ דאָ קיין פריינדליכע, צערטליכע האנד,
אויסער מיין אייגענער שאָטען פון וואנד

אַ טאָג אין ניו יאָרק.

אַ גאַנצען טאָג ארומגעבלאָנדזשעט אין די גאַסען
און וואָס האָסטו בעזוכט און וואו ביזטו געוועזען?....
האָסט עמיצען גענדאַרפט און ניט געקענט געפינען,
האָסטו אויף קראָם-פענסטער די אויפשריפטען געלעזען.

ס'איז זעהר גרויס די שטאָדט און גרויס איז דאָ דער טומעל, —
אַ קלאַפעריי פון וועגענער, פון באַהנען און טראַמווייען.
און ווער באַדאַרף דיך דאָ? אַ מיעדער שלעפסטו אום זיך
און הערסט זיך צו צום רויש פון קינדער און געשרייען.

און קומסט אהיים צוגעהן. די צימער-פרוי אַ בייזע,
געהט אום און וואָרקעט וואָס, און ברומט און שעלט דאָרט וועמען,
פערבענקסטו זיך נאָך פריינד וואָס דו האָסט וואו געלאָזען,
ווילסטו צו זיי אַ לאַנגען בריעף זיך שרייבען נעהמען.

איז שווער ווי בליי דיין קאָפּ און קענסט קיין וואָרט ניט שרייבען.
הערסטו אַ קינד וואָס שרייט, דאָס קלאַפּען פון אַ וואָגען;
זעהסטו אַ גרויע קאַץ צו דיינע פיס זיך טוליען,
לאָזסטו זי טוליען זיך כאָטש קענסט עס ניט פערטראָגען.

און אָט אזוי, אזוי — דו קוקסט מיט מיעדען אויגען,
און זעהסט אַ וואַנד-בילד און זעהסט אַ בעט אַנטקעגען,
און הערסט פון הארץ ארויס דיין אייגען לעבען ווייכען:
נאָך גוט — דו האָסט אוואו דיין קאָפּ אוועקצולעגען.

אויף די שטיעגען.

פיעבערען צוויי יונגע הערצער,
האַלט א פּאָרל זיך אין סוד׳ען:
ליעבסטע מיינע — ליעבסטער מיינער,
נור דער טוידט וועט אונז צושיידען....

אויף׳ן צווייטען גאָרן שרייט מען,
שעלט א ווייב איהר מאן דורך טרערען,
און די קינדער וויינען, וויינען,
ווילען ניט אנשלאָפען ווערען.

זיצט דאָ וואו אן אַלטער אַלמן,
האַלט זיין עלענד אין באַקלאגען,
מיט אן אומעדיגען נגון
נעהמט ער האַרציג תהילים זאָגען.

כ׳קום אריין צו מיר אין צימער,
קלינגט מיר, תהילים, קללות, ליעבע,
וויינט א ווינד, און דורכ׳ן פענסטער
קוקט אריין א נאַכט א טריעבע.

* *
*

איך ווארט אויף דיר, איך ווארט אויף דיר
אָה ליעבסטע מיינע, קום צו מיר.

איך האָב פאר דיר דאָ אָנגעגרייט
א הימעל בלוי און ווייט און ברייט,
וואו שטערען פינקלען אלערליי,
און וואָלקענס פוכיג קלאָהר ווי שניי,
און די לבנה שווימט דורך זיי.

א שטערען רייסט זיך אָפּ און פליהט
און פליהענדיג ער פונקען שיט.

איך שפּרייט פאר דיר דעם ווייטען רוים
און וועב פאר דיר מיין שעהנסטען טרוים.

איהר בליק.

עס האָט איהר טיעפער בליק צו מיר
אין הארץ אריינגעדרונגען;
און דאָס הארץ האָט פון איהר בליק
א שטילען ליעד געזונגען.

זינג־זשע הארץ מיינס, זינג נאָר שטיל,
עס זאָל ניט ווער דערהערען;
ווייל עס קאָן א בייזער בליק
דיין הייליגקייט צושטערען.

* *
*

איך האָב אין חלום דיך געזעהן.
האָסט לאַנג געקוקט אויף מיר,
אַ שווערע לעבענס מיעדקייט
האָב איך געמערקט אויף דיר.

דיין פּנים איז געווען בלאַס
די אויגען מיעד פערטראַכט;
האָסט אויף דיין קאָפּ פיעל גרויע האָר
פון לאַנגען וועג געבראַכט.

עס האָט עפּעס געזונגען שטיל
דיין וויינענדיגער קול;
פון שטורעמדיגע טעג און נעכט
זכרונות פון אַמאָל.

ס'האָט אין דיין ציטערענדער האַנד
געצאַנקט, געצאַנקט אַ ליכט,
און מיט דעם גסיסה שיין איז אויך
פערגאַנגען דיין געזיכט.

* *
*

דו האָסט דאָך איצט אַ מאַן, א קינד
און צרות אהן א שיער;
דיין קינד קאַפּריזנע איז און בייז
דיין מאַן איז שלעכט צו דיר.

קינד, איך לייד נאָך אַלץ צוליעב
דיין איעבעראייל־טען שריט,
איך האָב געהערט דו ליידעסט אויך
האָב זיך געטרייסט דאַמיט.

צי וועסטו זיין איצט בייז אויף מיר?
איך בין צו אלץ געגרייט;
כ׳פערלאַנג ניט פיעל, נור לאָז מיך זיין
דאָרט וואו דיין אָטהעם ווייזט.

איהר בילד.

כ׳ האָב דיין בילד, נו, שטעה איך לאַנג און קוק,
נור וואָג ניט דיינע ליפּען צו בעריהרען;
כ׳קוק אויף דיר און טראַכט נור, וועלכע קראַנץ
איז ווערטה דיין מלאך פּנים צו בעצירען.

וואונדערליכע ן וויפיעל שטילער גליק
אין דיין ריינעם שמייכעל איז פערבאָרגען;
ביזטו ניט דעם הימעל׳ס שעהנסטע ליעד,
וואס ס׳זינגען די מלאכים פון פריהמאָרגען?

שטעה איך לאַנג און זוך דעם טיעפען סוד
פון דיינע וואונדערליכע הימעל-אויגען,
זאָג האָסטו פערזינדיגט זיך פאר גאָט,
וואָס מ׳האָט פון הימעל דיך אראָבגעצויגען?

זי וויעגט איהר קינד.

זי וויעגט איהר קינד און זינגט איהם שטיל
א הארציגען געזאנג;
איך ליעג פערטראכט און הער זיך צו
און סטהוט מיר עפּעס באנג.....

זי זינגט: פער'חלום'ט פליסט איהר ליעד
און שלעפערט, שלעפערט איין —
זי וויעגט איהר קינד און ווייסט ניט, אז
עס וויעגט איהר ליעד מיך איין.

ווערסט מיין הויז

ווערסט מיין הויז איצט ניט פערלאָזען,
ווערסט פון דאַנען איצט ניט געהן! —
האָט זי זיכער אויסגעשריען:
ווערסט ניט לאָזען מיך אליין!

אויף מיין האַלז די הענד פערוואָרפען
און געקוקט מיט טיעפען צער —
געה ניט, געה ניט, אָה דו שלעכטער, —
ביזט אין כעס? — ביזט א נאַר!

ווילד האָב איך זיך אויסגעריסען
זי געלאָזען מיט איהר צער; —
האָט אין וועג מיר אלץ געקלונגען:
ביזט אין כעס? ביזט א נאַר!

גנעהט אַ פּאָרל

נעהט אַ פּאָרל, האַנד אין אָרם,
נעה איך נאָך אהינטער זיי;
ריטמיש קרעכצעט אוים אַ נגון
פון די טריט דער ווייכער שניי.

טוליען זיי זיך פעסט און לאַכען,
קלינגט אַ קוש אין מיטען גנעהן —
נורע איך מיך אין מיין מאַנטעל
טוליע מיך צו זיך אליין....

איך האָב דיך ליעב.

איך האָב דיך ליעב,
און קוק איך לאַנג אויף דיר, דערזעה איך זי,
איהר שטומער קורצער בליק
פערפאָלגט מיך מיט א שווערען לאַנגען זיפץ
און רופט מיך: קום צוריק!

אָט איז זי בייז
און גליהענד איז איהר בליק, אָט ווערט זי מילד
עס פאַלט פון אויג א טרעהר
און גליטשט זיך לאַנגזאַם איבער איהר געזיכט
עס ווערט מיר אזוי שוועהר.

איך האָב דיך ליעב,
דיין בליק איז אזוי ווייך, עס ווערט מיר גוט.
ווען נור דו קוקסט אויף מיר.
נור ווען איך בלייב אַליין פערטראַכט איך זיך
און זעה זי ביי מיין טיר!

לאַכעדיגע

לאַכעדיגע רופט מען דיך, —
לאַכסטו, לאַכען אַלע מיט;
יעדער זעהט דיך לאַכענדיג
ווען דו וויינסט זעהט קיינער ניט.

גלאַט אַזוי אָהן אַ פּאַרוואָס
לאַכסטו, — פּלוצלונג ווערט דיר שווער;
לאַכענדיג בעהאַלסטו זיך
לאָזט אַרויס אַ גרויסע טרעהר...

ווייסט ניט.

ווייסט ניט, אז ער טראכט פון דיר
און וועסט קיינמאָל ניט ווייסען;
ווייסט ניט, אז ער רעדט צו דיר
ווען עס ווערט זיין הארץ צוריסען.

אז ער קניהט צו דיינע פיס
פערשעהמט און איינגעבויגען, —
ער קושט אין די געדאנקען בלויז,
דאָס ליכט פון דיינע אויגען...

איך וועל ווי אַ גנבֿ

איך וועל ווי אַ גנבֿ אַריין אין דיין צימער
זיך היטען דו זאָלסט ניט הערען;
וועל צוגעהן צום בעט און מיט פּיבּרישע ליפּען
וועל שטיל, שטיל בּעריהרען דיין שטערען.

דאַן וועל איך אַ קוק טהאָן אויף דיר און צוריקגעהן
אַ גנבֿ, ווי איך בּין געקומען, —
ווען אויפשטעהן גאַנץ פריה און זיך וועלען דערמאָנען
ווער איז מיר צו חלום געקומען?

ווי א יונגער אינגעל

ווי א יונגער אינגעל בענקסטו!
לאָך פון זיך אליין!
פּלוצלונג נעהמסטו און פערליעבסט זיך,
שעהם זיך, ס'איז ניט שעהן!

כ'האָב געמיינט, אז יענע צייטען
זיינען שוין פערביי —
איצטער — ווי זאָל איך עס גלויבען,
ליעבסט נאָך גאָר פון ס'ניי?

זיצסט און טרויערסט אין דיין צימער,
וויינסט זיך שטילערהייד;
עך, הפּנים וועסט שוין בלייבען
נאריש ביז'ן טויטן...

בין נעבען דיין צימער.

בין נעבען דיין צימער געשטאַנען,
געוואָלט בלויז א קוק טהאָן אויף דיר,
מיין שמאַכטענדער בליק האָט געבלאַנדזשעט,
געשפּרונגען פון פענסטער צום טהיר.

אָט קומסטו צום פענסטער. איך ווייס ניט
צי האָסט מיך געזעהן, צי ניין;
נור האָסט באַלד דעם פאָרהאַנג פערצויגען
און איך בין געבליבען זיך שטעהן....

איך האָב דיך אין חלום

איך האָב דיך אין חלום געקושט,
דו האָסט זיך געטוליעט, געלאַכט,
גאָט ווייס, וואָס עס וואָלט נאָך פּאַסירט,
ווען איך וואָלט אין צייט ניט ערוואַכט.

גאָט ווייס — אַזאַ הייץ־קאָפּ ווי איך,
כאָטש ס'איז בלויז אין חלום געווען,
דאָך וואָלט איך פערשאָלטען מיין שלאָף,
און וואָלט זיך ניט מוחל געווען.

דיינע אויגען.

דיינע אויגען זיינען שטערען,
און זיי רייצען און זיי גלאַנצען;
אָפט מאָל זעה איך דאָרט מדבריות
וואו די ווילדע לצים טאַנצען.

דיינע אויגען זיינען הימלען,
און זיי וועקען אויף פערלאַנגען, —
אָפט מאָל זעה איך אין זיי גריבער
וואו עס פיטערען זיך שלאַנגען.

דיינע אויגען זיינען וועלטען
פול מיט האָפנונג און שטרעבען —
אפט מאָל זעה איך דאָרט זיך שפּיגלען
מיין פער׳חשך׳ט קאַלטען לעבען.

מיין יום טוב.

חברה! היינט איז ביי מיר יום-טוב,
איהר זאָלט אַלע דאָס געדענקען,
ס'האָט מיין ליעבסטע מיך פערלאָזען
און איך האָב נאָך וועמען בענקען.....

דען די בענקשאַפט און דער אומעט
זיינען מיינע קאַמעראַדען,
זינט מיך האָט די ליעדער-געטין
צו א וויזיט איינגעלאַדען.

זי איז פּראַקטיש מיין געליעבטע;
מ'קען קיין ליעדער דאָך ניט עסען.....
נו, האָט זי מיך איצט פערלאָזען
און זי וויל אַז מיר פערגעסען.

גאָט זאָל איהר דאָס גליק בעשערען!
וואָס זי זוכט זאָל זי געפינען;
איך וועל זיצען אין מיין צימער
און וועל פאַר איהר ליעדער שפּינען.

געגען שטראָם.

דו ביסט געזעסען לעבען מיר אין ווייסען זיידען-קלייד.
איך האָב מיט יונגענד-קראַפט און מוטה גערודערט אונזער שיף;
עס האָט אין בלויען אָבענד־שיין געגליטשט זיך געגען שטראָם,
נור פּלוצלונג האָסטו אָנגעהויבען קוקען צו דער טיעף.

צי קען מען זיך ניט אומקעהרען? האָסטו מיט שרעק געפרעגט,
צי קען מען ניט א רודער טהאָן זיך נעהמען אָן א זייט?
עס וועט דער שטראָם אונז איינשלינגען, אָה, בעסער קום צוריק!
עס איז דער וועג דאָך אזוי שווער, דער ציעל דאָך אזוי ווייט!

איך האָב געבעטען זיך ביי דיר, זאָלסט ווייטער געהן מיט מיר,
עס איז דאָרט אזוי שעהן, דער הימעל אזוי רייך —
דו האָסט דיין פּנים אבגעקעהרט, געענטפערט אזוי קאַלט,
און מיין געבעט פערשלונגען האָט דער טיעפער, בלויער טייך.

צי קענען דיינע שטערען אויף מיין האלז א ציערונג זיין?
צי קען איך פון דיין הימעל רייסען שטיקער אויף א קלייד?
עס קענען מיר ניט זאַט מאַכען די שעהנע, בלויע נעכט,
עס קען דיין וועלט ניט אָנפילען מיין הארץ מיט לעבענס-פרייד.

מיין בליק, פערצווייפעלט, האָט געברענט, אין הארצען האָט געגליהט,
האָב איך דעם רודער מיט א זיפץ ארויסגעלאזט פון האנד;
מיר זיינעןביידע אָט אזוי געבליבען געגען שטראָם.
איך קוק פאראויס, און דו צוריק, דאָך זיצען מיר ביינאנד...

מיין ליעבע

גע־ליעבטע, דו ביזט הייליג
און הייליג איז דיין צימער
נאָר בעט ביי מיר א דרייער
פאַר אלע הייליגטהימער.

איך ליעב דיך, היים-געליעבטע,
אך ליעב דיך ווי מיין לעבען!
כ'וואָלט אָבער פאַר מיין לעבען
קיין פולווער-שאָס געגעבען.

אין אַ שעהנער נאַכט.

איצט פערגעס איך אַלע דאגות,
נור געשטיעפט און נור געלאַכט!
כ׳בין ענציקט פון גאָט׳ס מתנה
פון זיין שעהנער זומער-נאַכט.
איצטער לויף איך צו מיין ליעבסטער
ס׳האָט מיין הארץ אין מיר ערוואכט.

אויף אַ בערגעל, לעבען וואַסער
אונטערן לבנה-שיין,
וועל איך טרינקען איהרע ליפּען
ווי דעם בעסטען רויטען וויין.
און די צנועה, די לבנה
וועט אונז שטאַרק מקנא זיין...

מיר׳ן צערטלען זיך און קושען,
און פיעל ליעבע, און פיעל גליק.
און די צנועה, די לבנה
וועט אונז צואווארפען א בליק
וועט זיך שעהמעוודיג פערדעקען
און זיך אָפּדעקען צוריק...

עי, די צנועה, ניט פערדעק זיך,
מילד און פריינדליך קוק אונז אָן!
ניט פערגעס, אז איצט איז זומער,
דארף מען כאַפּען וואָס מען קאָן.
עי! וואָלסטו געהאַט א ליעבסטען
וואָלסטו אויך אזוי געטהאָן...

פון דער מלחמה.

דער רוף.

גרייט אייך, גרייט אייך יונגע לעבענס!
גרייט אייך שווערדען! גרייט אייך שפּיזען!
ס'האָט דער מלאך פון מלחמה
אויף אַ וואָלקען זיך בעוויזען.

און מיט גראָבע שטריק געבונדען,
ליעגט די צאַרטע געטין פריעדען:
גרייט אייך, גרייט אייך קעגען שונא!
זאָל עס קאָכען! זאָל עס זיעדען!

— — — — — — — — — — — — — — — —

גרייט זיך, גרייט זיך שד פון גיהנום!
גרייט זיך מלאך פון גן-עדן!
צו עמפּפאַנגען די נשמות
ס'וועט געננוג זיין פאַר אייךביידען.

זייער פריהלינג.

זיי וועלען אנטקעגנען דער שמייכלענדער זון
דאָרט זעהן צוויי מעכטיגע ריעזען —
א מלאך בעהאנגען מיט בלומען און גרינס,
א טייוועל מיט שווערדען און שפּיזען.

דער מלאך וועט רייצען און צינדען דאָס בלוט
און זיסע פערלאנגען ערוועקען;
דער שד וועט זיך שפּיעלען מיט פייער און בלוט,
דעם מלאך די קליידער בעפלעקען...

דער מלאך וועט וױנקען און רופען אהיים,
זיי געבען א זון מיט א רעגען...
דער שד וועט זיך לאכען און ציהען די שווערד,
זיי טרייבען דעם פייער אטקעגען.

זיי וועלען דאָרט זעהן אנטקעגען דער זון
אויף פעלדער און וועלדער און ים'ען
א מלאך געקליידעט אין בלומען און גרינס,
א טייוועל אין בלוט און אין פלאמען.

1917

אַ געטרייער העלד.

מאַזורקעוויטש, זוהן פון פּוילען,
קעמפּפט דאָרט העלדיש אין דער שלאַכט:
באַלד האָט מען אין דייטשען לאַגער
מאַזורקעוויטשען געבראַכט.

מאַזורקעוויטש, ביזט פערוואונדעט:
זיי-זשע ברודער ניט קיין נאַר,
זאָגט אונז אוים דעם שונא׳ם פּלענער:
וועסט בלייבען ווערען דערפּאַר.

מיר וועלען געזונד דיך מאַכען,
געלד דיר געבען אָהן א שיעור:
א מיאָנטעק לעבען ווארשא, —
רעדט צו איהם דער קאָמאַנדיר.

מאַזורקעוויטש קנייטשט דעם שטערען,
שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין!
ניין, איך שטאָלצער זוהן פון פּוילען
וועל דאָך קיין פעררעטהער זיין!

זאָג, דו שטאָלצער זוהן פון פּוילען!
פּוילען איז דיין פאָטערלאַנד?
איז עס דען ניט אונטערוואָרפען
אונטער רוסלאַנד׳ם שווערער האַנד?

רויבט דען רוסלאנד ניט דיין רעכט?
און דו נאַר, דו ביזט געטריי;
דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אלעס!
ווערסט בעזיגט דאָך סאי ווי סאי.

ס׳שטעהט דער קאָמאַנדיר א שטאָלצער,
קריצט אויף רוסלאַנד מיט די צייהן:
דאָך דער פּאָליאַק מאַזורקעוויטש
שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין!

גאָט פערדאַמטער זוהן פון פּוילען!
אונטער רוסלאַנד׳ס שווערען יאָך!
ווייסטו ניט, אַז ווארשא איז שוין
רוסלאַנד׳ס העכעסטענס נאָך א וואָך?

זאָג-זשע ברודער, זיי קי! נאר ניט!
זאָג-שזע שנעל, קיין ציין! פערליר;
און אָט ענטפערט מאַזורקעוויטש
דייטשלאַנד׳ס שטאָלצען קאָמאַנדיר.

ס׳רעדט דער פּאָליאַק מיט א שוידער,
ס׳ציטערט אין איהם יעדענס גליעד,
ליעבער הערר, איך בלייב נעטריי,
כ׳בין אן אומגליקליכער איד!...

1915

א נייע וויעג-ליעד.

שלאף מיין קינד, און ווארט ניט מעהר,
פאפא ט'שוין ניט קומען;
שלעכטע מענשען האבען איהם
פון אונז אוועקגענומען.

וועסט מיט דיינע הענטלעך איהם
מעהר שוין ניט געפינען,
אויף זיין ווייסער קישעלע
מאמא'ס טרערען רינען.

ס'פעלד געבליבען ניט געזעעט,
ליידיג איז דער שייער;
ערגעץ אויף א ווייטען פעלד
ברענט א העליש פייער.

ערגעץ אויף א ווייטען פעלד
זשומען ווילד די קוילען;
קינד מיינ'ס, פאפא'סביינדעלעך
ליגען דארט און פוילען.

ווי א יונגער, שטארקער בוים,
ליגט ער אויסגעצויגען;
שווארצע ראבען פיקען אויס
זיינע שעהנע אויגען

ווילדע חיות רייסען איהם
פרעהען זיך און ברומען —
קינד מיינס, קינד מיינס, ווארט ניט מעהר
— פאפא ט'שוין ניט קומען!

קינד, אָה קינד!
ניט געה אַרויס, דו זעהסט?
א צער ליגט אויף יעדערנ׳ס געזיכט;
אָנגעטהאָן אין גרויען שוועבט אין לופטען ווער
האַלט אין האַנד א גרויסע שוואַרצע ליכט.
קינד אָה קינד ניט געה אַרויס אין גאַס.

קינד אָה קינד!
ניט געה אַרויס אין גאַס,
ס׳אומגליק קוקט אויף אונז פון יעדער זייט;
און דער טרויער אויף א שוואַרצען פערד
קומט צורייטען פון דער ווייטער ווייט.

פון דער היים.

אַ גרוס.

בלעטער פאַלען פון די בוימער
און עס יאָגט זיי אום דער ווינד,
בלעטער דארע, נע ונד'ע
בין איך אויך ווי איהר אצינד.

אָבגעריסען פון די צווייגען,
וואַנדערט אום איהר אָהן א צוועק;
אויך איך בין דאָך פון מיין היימאַט
אָבגעריסען, ווייט אַוועק.

זאָגט וואו וואַנדערט איהר. איצט בלעטער
און איהר קומט צו וועלכער טיר
אפשר קומט איהר צו מיין היימאַט
ברענגען צו זיי א גרוס פון מיר.

וואוהין זאָלען מיר זיך פון טרויער פערנעהמען
אויף וואָס פאַר אַ וועג?
אויך דאָרט וועט א וואָלקען דעם הימעל פערשטעלען,
פערשווארצען די טעג,

ייאוהין זאָלען מיר פונ׳ם אומגליק אנטלויפען
אין וואָס פאַר א לאַנד?
אויך דאָרט וועט א בעטלער אונז קומען אַנטקעגען
א שטעקען אין האַנד . . .

אויף די חרבות

און אויסזשיפּען וועט מען פּאר האָס
דאָס לעצטע ביסעל גאַל;
פּערצוקען וועט דער ווילדער וואָלף
די לעצטע שאָף אין שטאַהל.

און אומגעהן וועלען גרויסע לייט
מיט שווערדען אין די הענד
און, רעווענדיג, צוהאַקען ווילד
די שאָטענס אויף די ווענד...

וועט אומבלאָנדזשען א יונגע פרוי
אין ווייסען טיול געקליידט,
און זוכען וואָס... און זוכען ווילד...
און שילטען שטילערהייט...

און אויף די חורבות וועט א טויב
ארומשוועבען אליין;
און ס'וועט פערגעהן אין טיעפען אנגסט
איהר פיינליכער געוויין...

אין אַ שטילען ארט.

.1

האָסט, גאָט, בעשאפען מיך מיט אָבגעהאקטע פליגעל
מיט אזא ווייטען בליק און מיט אזא שוואכען ווילען ;
צו זיצען אין א מדבר, זעהן א קוואל פון ווייטען,
און דאָך מיין דורשט דעם ברענענדען ניט קענען שטילען.

ווי שטארק מיך ציהט אהין צו יענע קלאָהרע קוואלען ;
אויב פליהען קען איך ניט, וועל איך זיך לאָזען לויפען
דאָך בלייב איך זיצען מיעד צווישען זאמד און שטיינער,
און פאר א ביסעל רוה מוז איך מיין הארץ פערקויפען.

.2

אַט אַזוי וועל איך אַ מיעדער
דאָ אין מיטען בלייבען שטעהן,
אַלץ וועט זיך פאַרנאַנדערוואַקסען,
איך נור איינער וועל פערגעהן.

אַלץ וועט מיט'ן פריהלינג זינגען,
זיך צובליהען שעהן און רייך;
איך נור איינער וועל פערוואַקסען,
ווי אַ שטעהענדיגער טייך...

3.

ציהט זיך, ציהט זיך דאָ די צייט,
לאַנגע נעכט און גרויע טעג,
און די גאַסען אזוי פלאַך,
אויפ'ן קורצען, גלאַטען וועג...

קומען אָן די גרויע טעג.
ווערסטו בייז אויף זיך אליין,
קוקסטו קרענקליך אויף די ווענד —
הערסט זיך צו צום ווינד'ס געוויין.

קומט אַ גאַסט פון ערגעץ ווייט
(קוים וואָס מען דערלעבט די צייט)
אַך, דערצעהלט דאָך ליעבער איד
ווי עס לעבט זיך דאָרטען ווייט...

שמייכעלט ער, דערצעהלט פון וועג
גלויבסטו אַלץ איהם, וואָס ער זאָגט:
ווערסטו ערנסט און פערבענקט
און דאָס הארץ עס נאָגט און נאָגט.

.4

עס רעגענט, רעגענט נאָכאַנאַנד
עס קומט צו מיר ניט קיינער;
איך האַלט פערטראַכט א בליי-פעדער
און דריק עס מיט די צייהנער...

און פּלוצלונג כאַפּ איך א פּאַפּיער,
נעהם צייכענען און מעקען — —
וואָלט ווער א שויב דאָ אויסברעכען
און כאַטש מיך איבערשרעקען!

.5

שטיל אין שטוב און שטיל אין גאס,
שטילער, שטילער, הער זיך צו
צו די שטילקייט ארום דיר,
זשומט א פליעג דאָ ערגעץ וואו —
קלאפט דער זייגער אויפ'ן וואנד;
קלאפט דער זייגער נאָכאנאנד —
טהוסטו אויפ'ן וואנד א בליק
זעהסטו דאָרטען בילדער צוויי
קוקסטו, קוקסטו לאנג אויף זיי,
ווערסטו מיעד פון לאנגען בליק, —
פלוצלונג הערסטו א געוויין,
קוקס ארום זיך, ביזט אליין; —
וויינט די שטילקייט ארום דיר?
וויינט עס ניט דיין הארץ אין דיר?
נעהמסטו אומגעהן אויף און אפ
מיט איין איינגעבויגען קאָפ,
נעהמסטו צעהלען דיינע טריט;
דאכט זיך דיר, אז ביי דיין זייט
געהט דאָ עמיץ מיט דיר מיט
העלפט דיר צעהלען דיינע טריט:
איינס, און צוויי, און דריי, און פיער.
צעהלט דער עמיץ אויך מיט דיר:
איינס, און צוויי, און דריי, און פיער.
פלוצלונג עפענט זיך דיר
קומט דעם שכנ'ס הונד אריין,
זעצט זיך אויף די הינטער פיס
קוקט אין ד'אויגען דיר אריין. —
געה זיך, געה זיך, הונד ארויס!
געה צוריק צו זיך אין הויז,

כ׳וויל ניט הערען דאָ דיין בריל...
זיין זאָל ווייטער אזוי שטיל —
דרעהט דער הונד זיין עק, און פויל
עפּענט לאַנזאַם אויף זיין מויל,
טוט אַ געניץ, ציהט זיך אין הויז. —
געהט אַוועק צו זיך אין הויז
געהסטו ווידער אויף און אפּ,
ווערסטו מיעד און שטעלסט זיך אָפּ.
לעהנסטו אָן א שטול זיך אָן,
שטאָפּסט דיין ליולקע ציבוק אָן,
רויכערסט — קרייזעלט זיך דער רויך.
קוקסטו, קוקסטו אין דער הויך —
קרייזעלט זיך דער בלויער רויך...
קלאַפּט דער זייגער אויפ׳ן וואַנד
קלאַפּט דער זייגער נאָכאַנאַנד.

.6

האָב אימער געטרוימט און געזוכט,
געפונען האָב איך אזוי ווענינ ;
ס׳איז אַלץ נאָך מיין וועג אזוי שטייניג,
האָב אימער צום הימעל געקוקט.
(עס האַלט אַלץ מיין הימעל אין רעגנ׳נען)
אַ רוהיגע היים זיך געזוכט.
וועל איצט מיט מיין היים זיך געזעגנע׳נען.

.7

וואַנדערען ציהט מיך דורך טאָג און דורך נאַכט,
אויף איינזאַמע ווייט, ווייטע וועגען;
פנים אל פנים שטעהן געגען געפאהר,
אין שטורמס, אין שניי און אין רעגען.

מיך מאַטערט די שטילקייט און גיט מיר קיין **רוה**,
עס לאָזט מיך ניט לעבען אין פריעדען;
וואָלסטו געקאָנט כאָטש בעליידיגען מיך
נור מאַכען מיין בלוט אויפצוזידען.

.8

איך ווייס, אז געזינדיגט האָב איך געגען דיר,
דו ריינע און שטילע נשמה;
איך מאַטער זיך לעבען אין שטילקייט, ווי דו,
און פיהר מיט זיך שטענדיג מלחמה.

איך קוק אויף דיין אומעדיג בלאַסען געזיכט,
און ס'הויבט אָן אין הארצען צו קלעמען:
צי בין איך דען שולדיג? עס בענקט זיך מיר שטאַרק,
איך ווייס ניט, נאָך וואָס און נאָך וועמען.

צי בין איך דען שולדיג? אן אונרוה בין איך!
און קען קיין בעשטימטעס ניט האָבען;
און קומט אויך צו מיר ווען א טראָפּען פון גליק,
זוך איך עס אליין צו בעגראָבען.

.9

איך ווייס, אויב זיין וועל איך אליין,
וועל איך פיעל ערגער מאכען;
עס וועט דאס בענקען נאך א פריינד
צוריק אין מיר ערוואכען.

און אומבלאנדזשען וועל איך אליין,
אין טומעלדיגע גאסען;
עס וועט מיר ענג ווערען די וועלט,
כ'וועל זיך אליין פערהאסען.

דאך ווינקט צו מיר די איינזאמקייט,
איך קען עס ניט אויסמיידען;
שוין לאנג אז גוט איז מיר געווען,
עס בענקט זיך שוין נאך ליידען...

10.

איך וויל, דו זאָלסט צום גוטען מיך געדענקען:
איך ווייס גאַנץ גוט, אז איך בין אומגערעכט,
האָב אָבער קיינמאָל ניט געמיינט אויף שלעכט,
איך ווייס, אז איך וועל אימער נאָך דיר בענקען.

און ווען איך וועל אין ערגעץ ווייט פערפאָהרען,
און ס'וועט פאר בענקעניש מיין האַרץ אויסגעהן,
איך וועל אין האַרצען שטיקען מיין געוויין,
און וועל צו זיך אויסגיסען מיין צאָרן.

איצט זיי ניט בייז אויף מיר. איך בין ניט שולדיג,
ביזט שטיל און גוט און נעהמסט אַלץ אן פאַר גוט.
און איך — אַ שטורם רוישט און יאָגט מיין בלוט
און בין צו אַלץ קאַפּריזנע, אונגעדולדיג.

.11

בין בייז אויף דיר, וואָס דו ביסט גוט און שטיל,
און רעדסט ניט אויס קיין בייזען וואָרט צו מיר;
ווען דו ביזט שלעכט, וואָלט מיר ניט שווער געווען
אין יענעם טאָג צו שיידען זיך מיט דיר.

און ווען איך וועל פון דיר פערוואָרפען זיין,
דער זיין אליין וואָלט ניט געווען מיר שווער,
דיין גוטסקייט וועט מיר אָבער שטעהן אין וועג,
עס וועט פערפאָלגען מיך דיין ריינע טרעהר.

12.

אָפּטמאָל דאַכט מיר, אַז אין טאָג פון מיין געבאָרען
איז אַ וואַנדערער, אַ בעטלער דורכגעפאָהרען;
ער האָט אַ צאָרנדען בליק צו אונזער שטאָדט געשיקט
און מיט פערקריצטע צייהן האָט ער זיין פויסט געדריקט.

הונגעריג האָט ער זיין אייגענעם פלייש געביסען,
פון זיין האַרץ האָט זיך אַ פלוך ארויסגעריסען:
זאָל וואַנדערן ווי ער דאָס ערשט-געבאָרענע קינד
ווי אַ בלעטעלע געטריבען פונ׳ם ווינד.

.13

צו אַ ציגיינערין.

נעהם, ציגיינערין, מיין האַנד.
קוק און טרעף, קוק און זאָג:
וואס וועט טרעפען מיך אין וועג
צי אַ שמחה? צי אַ קלאָג?
דיינע אויגען — פייער־פלאַם —
קוק, בעטראַכט מיין יעדען שטריך!
וועל איך גרייכען, וואָס איך וויל,
אָדער וועל איך שטרויכלען זיך?

זאָגסט מיר, אז איך האָב פערבראַכט
שווערע יאָהרען, טריבע טעג?
אָבער דאַרטען וואָס וועט זיין,
אין דעם וייטען, וויטען וועג?!

הא, מיין הארץ אַ שטורם אין?
שטענדיג רוישט אין מיר דאָס בלוט?
טרעפסטון נאָר דארטען וואָס וועט זיין,
וועט מיר שלעכט זיין, אָדער גוט?

וואָס? דו שווייגסט? צווייפעלסט אויך,
וואָס וועט דאָרטען מיט מיר זיין?
נו, דעם צווייפעל האָב איך ליעב,
לאָז איך זיך אין וועג אריין!

14.

איך האָב גאַנץ פריה היינט אויפגעוואַכט,
מיין פּנים פינסטער ווי די נאַכט.

די אויגען מיעד און רויט געוועזן
ווען כ׳האָב אין שפּיגעל זיך דערזעהן.

ס׳האָט עפּעס זיך גע׳חלום׳ט מיר,
איך בין געשטאַנען ביי דער טיר

אוועקצופאָהרען ווייט געגרייט
ס׳האָט עמיץ מיך ארויסבעגלייט.

איך האָב דערהערט דיין שטיל געוויין
און בין ביים טיר געבליבען שטעהן...

.15

מיר האָבען זיך געזעגענט שטילערהייד.
האָסט שטיל אין זיך געוויינט.
איך בין געשטאַנען שטומערהייט.
פערקלעמט,
האָב אָבער ניט געוויינט.

עס האָבען מיינע אויגען ניט גערעהרט,
אין האַרצען האָט געדריקט.
אזוי ווי עס וואָלט זיך עמיץ דאָרט
געזעצט
און מיר מיין טרער פערשטיקט.

א שאַרפער פייף, א לעצטער זיי-געזונד,
דער באַהן האָט זיך גערירהט;
א קורצען בליק געוואָרפען האָסטו מיר.
מיין האַרץ האָט עס דערשפירט.

א שטומער בליק, א כוס מיט טרעהרען פול,
א גיכער שטורעם ווינד:
אזוי בעגלייט א מאַמע צו קריעג
איהר איינציג, איינציג קינד......

16.

ווען די נאַכט וועט קומען.

ווען די נאַכט וועט קומען, וועסט פאַר מיר זיך גרייטען,
וועסט א ווייסען לײלאַך אויף דיין בעט אויסשפּרייטען,
וועסט אַ נאַכט-קלייד אָנטהאָן, אין אַ שטוהל זיך וויעגען,
וואַרטען: — דאַכט זיך, עמיץ טרעט דאָרט אויף די שטיגען...
און איך וועל אריינגעהן; מיעד און איינגעבויגען,
וועל ניט קענען קוקען גלייך דיר אין די אויגען.
"כ'האָב געזינדיגט", וועל איך וויינענד זאָגען.
„ענטפערט מיר מיט רחמים, זאָלסט מיך ניט פעריאָגען.
זיי די זינד מיר מוחל" — וועל איך ביי דיר בעטען —
וועסט דיין האַנד אויסשטרעקען און דעם קאָפּ מיר גלעטען.
כ'בין אַ קינד א שוואַכעס, ס' איז אזוי מיין לעבען,
דו ביזט דאָך אַ גוטע, וועסטו מיר פערגעבען!

מיינע וואונדען.

שפּיעל איך זיך מיט מיינע וואונדען,
גלעט איך מיינע ליידען;
מיינע וואונדען, מיינע ליידען
קאָן איך ניט אויסמיידען.

כ׳בין געוואהנט מיט מיינע וואונדען,
ווי א שמיעד מיט פייער;
שמיעדט מיין האַרץ זיי, פאַלען פונקען
ווערען זיי מיר טייער.

אין גאַס.

.1

דעם קאָפּ אויפגעהויבען,
אַ שטעקען אין האַנד,
איך געה זיך און געה זיך
אַזוי נאָכאַנאַנד.

איך געה דורך די גאַסען,
גאַס איין גאַס און גאַס אויס —
אָט איז שוין די געגענד,
אָט איז שוין דאָס הויז.

אַ פענסטער איז אָפען.
עס שימערט אַ ליכט;
עס זעהט זיך אין שאָטען
איהר בלאַסע געזיכט.

צי וואַרט זי אויף יענעם,
צי וואַרט זי אויף מיר?
עס לאָזט ניט דאָס האַרץ מיר
אריינגעהן צו איהר...

געזוכט און געזוכט, און
געפונען דאָס הויז:
איצט שפּרייז איך מיר ווייטער
גאַס איין און גאַס אויס...

.2

אויסגעפּוצט אין שוואַרצען
ציהט אַ שוואַרצער וואָגען,
קלאַפּען צו די רעדער:
עמיץ וועט היינט קלאָגען.

עמיץ וועט היינט קלאָגען,
גיסען הייסע טרערען,
אין אַ שוואַרצען שלייער
מיט אַ האַרץ אַ שווערען.

דרעהען זיך די רעדער,
ציהט דער שוואַרצער וואָגען —
מיט די הענד פערבראָכען
וועט היינט עמיץ קלאָגען.

3

אויף א קעסטעל ביי אווענעל
זיצט איין אַלטער איד,
היינט ביי איהם א שלעכטער מסחר —
ברומט ער שטיל א ליעד.

ברומט דער איד — זיין ליעד איז האַרציג,
שטעה איך לאַנג און הער:
קומט מיר עפּעס אויפ'ן זינען,
ווערט מיר אזוי שווער...

פון דער היים.

אויף וואָס.

אויף וואָס האָב איך מיין יוגענד אבגעגעבען?
און וואָס האָב איך פערשפּיעלט די בעסטע יאָהרען?
איך האָב מיין היים אין שטורם אָנגעוואָרען.
א שוואַרצע נאַכט רעגיערט איבער מיין לעבען.

איך וויים ניט וואו עס וועט מיך נאָך פערפיהרען.
איך וויים ניט וואו, און וויל עס גאָרניט פרעגען;
וועל געהן דורך נאַכט אין אַלע איהרע וועגען,
ביז איך וועל אין גאַנצען זיך פערלירען.

ווער האָט מיך פון מיין שטילער היים פערטריבען?
עס האָט דער ים מיין יוגענד צוגענומען;
כ'געדענק נור, ס'איז א ווייסע שיף געשוואומען;
און הינטער מיר איז קיין זאַך ניט פערבליבען.

ס'האָט עפּעס דאָרט געשוועבט פאַר מיינע אויגען,
איך וויים ניט וואָס און וויל עס אויך ניט וויסען:
נור ס'האָט מיין לעבען מיר אויף צוויי צוריסען
און טיעפער מיך צום גרונד אראָבגעצויגען.

מיין ווילען האָט צובראָכען אַלע צוימען,
ווי גיך עס האָט מיין הייסען בלוט געפלאַסען!
אויף יעדען שטיין א ביסעל זיך פערגאָסען,
און אין מיין קאָפּ פערוואונדעט מיינע טרוימען.

מיך האָט א טרוים צום הימעל אויפגעהויבען,
און אונטער מיר איז פּלוצלונג אַלץ פערשוואונדען.
ניטאָ קיין וועג צוריק, איך בין געבונדען.
ווי אַלט בין איך? עס ווילט זיך גאָר ניט גלויבען.

צי האָט אַ מכשפה מיך בעגעגענט?
געשאָלטען מיך, איך זאָל קיין טרייסט געפינען?
אויף יעדער שטיין אַ ביסעל בלוט זאָל רינען?
ווען איך האָב מיט מיין היים זיך אָבגעזעגענט?

איך ווייס ניט, וואו עס וועט מיר נאָך פערפיהרען;
איך ווייס ניט וואו, און וויל עס גאָר ניט וויסען;
נור ווען מיין בלוט אין גאַנצען וועט אויספליסען,
וועט ווענען מיר אַ וואָרט כאָטש ווער פערלירען?

אַ חלום.

דאָס זעלביגע שטעדטיל, די זעלביגע גאַס,
דער אלטער בית עולם אין מיטען;
אַט פאָהר איך מיט חיים דעם שמייסער אהיים
אויפ'ן אלטען און סקריפּענדען שליטען.

דער דניעפּער פערפרוירען, ווי שפּיגעל דאס אייז
הויבּט אָן געגען זון זיך צו גלאַנצען —
די אַלטע מארוסיא שעפּט וואסער זיך אָן
און שקצים זיך גליטשען און טאַנצען.

עס גליטשט זיך דער שליטעל אין געסעל אריין,
אַט זעהט אונזער שטוב זיך פון ווייטען,
דער דאך איז פערשימעלט, די שויבען פערקלעפּט
גאָר ווי אין אמאָליגע צייטען.

אַט קעהרט זיך דאָס פערדעל אריין שוין אין הויף
עס לויפען ארום מיר אנטקעגען,
דאָס גאַנצע געזינד מיט אַ פריידענס געשריי
מ'כאפּט זיך צום קושען און פרעגען...

דער טאַטע צופֿריעדען, נעהמט גלעטען די באָרד
די מאַמע פֿאר שמחה נעהמט וויינען:
האָט גאָט מיר געבראכט מיין מיזיניק צוריק
ער וועט מיר מיין עלטער בעקרוינען.

אין מיטען דערהער איך א שניידענדען פֿייף
דער זייגער האָט זעקס שוין געשלאָגען —
וואו שטעדטיל, וואָס דניעפּער?,,, אויף גיך טהו זיך אָן
הויב אָן צום פֿאַבריק זיך צו יאָגען.

אַ מאַמע׳ס לעצטער קרעכץ.

(דעם אנדענק פון מיין פערשטאָרבענער מאַמע)

אויפגעהאָדעוועט די קינדער,
זיינען זיי אריבער ים׳ען,
ווי די פויגעלעך פערפלויגען
פון דער טרייער, גוטער מאמען.

צו דעם טיעפען, בלויען הימעל
פלעגסטו ווענדען דיינע בליקען;
מיט אַ הארץ פול בלוט פערלאָפען
פלעגסטו פאר זיי תפילות שיקען.

אין די ווינטער-נעכט, די קאַלטע,
פלעגסטו מיט אַ הארץ א שווערען
ביי א לעמפעל זאָקען שטריקען
און בעגיסען זיי מיט טרערען.

איז דיין לעצטע שעה געקומען,
וואו זשע זיינען דיינע קינדער?
צו דיין גסיסה-בעט גערופען
האָסטו יעדערען בעזונדער.

נור ס׳איז קיינער ניט געקומען,
האָסט געזוכט זיי מיט די אויגען;
און אזוי איז דיין נשמה
פון דיין גוף ארויסגעפלויגען.

אַרום בית עולם.

לאָזט מיך אב א ווײלע
וואָכעדיגע זאָרגען ·
שווערע טעג און וואָכען
בײזע יאָהרען מײנע !

נעהמט אַרוים די נעגעל
פון מײן קראַנקען הארצען ;
נעהמט אַראָב די משא
פון מײן שוואכען רוקען.

מאכט א קרײז אַרום מיר,
כ׳ועל אין מיטען זיצען,
אָברוהען א ווײלע
עפּעס אײך דערמאָנען.

כ׳ קאָן אײך ניט דערמאָנען,
וועגען גרינע פעלדער ;
כ׳האָב דאָרט אין מײן שטעדטיל,
ניט געזעהן קײן פעלדער,

גרויע שינדעל-דעכער
האָב איך דאָרט געזעהן
וואקסט אויף זײ א שימעל
ביז עס קומט א שרפה...

און די געסלאך זיינען
שמוציגע און ענגע,
הינד, חזרים, היהנער
ראיען אויף די הויפען.

טיעף דער זאמד אין געסעל —
שרייט א בעל-עגלה
אויף זיין פערד און זידעלט —
לאכט מען אין די הייזלעך...

נאר אין מיטען שטעדטיל,
געגען אלטע שוהלען,
ליעגט דארט א בית עולם
אלט און טיעף בעוואקסען.

ברודיגע מצבות
שווער די שריפט צו לעזען;
דיקע, הויכע בוימער,
קרעכצען שוין פון אלטקייט.

אלטע הייזלעך שטעהן
רונד ארום בית-עולם;
קוקט מען דורך די פענסטער
צו די הויכע בוימער.

סוד'ען זיך די בוימער,
אין אַ שטילען אָבענד:
מורמלען זיי לעגענדען
פון די אַלטע צייטען.

*   *
*

ס'האָט אַמאָל א פריץ
זיך פערוואָלט א שפּאס טהאָן,
צלם'ען א קבר
פון א גרויסען צדיק.

האָט ער אָנגע'שכור'ט,
זיין בעליעבטען דיענער;
איהם געשיקט צום קבר
שטעלען דאָרט א צלם

ס'איז געווען דער אָבענד
ליכטיג, שטיל און וואַרים;
פּלוצלונג ווערט עס פינסטער
און עס קומט אַ שטורעם.

שטורמט, בליצט און דונערט,
נאָר דעם דיענער, אָרט ניט.
זינגט א לוסטיג ליעדעל —
גלנצט אין האנד דער צלם.

פרעגען זיך די אידען.
וואָס זאָל עס בעדייטען?
ערשט געוועזען ליכטיג
פלוצלונג אזוי פינסטער!

בייזערט זיך דער שטורעם
און די בוימער קרעכצען —
שרעקען זיך די אידען:
וואס זאָל עס בעדייטען?!

ס'איז א נאַכט געוועזען,
זאָל זיך ניט אומקעהרען;
אין די הענד די תהילים'ס —
קוים דערלעבט פריה־מאָרגען....

לאָזט מען זיך מסתמא
צו דעם ערשטען מנין,
זעהט מען ס'ליעגט דער דיענער
טויט לעבען בית עולם..

* *
*

אויפ'ן שוהל־הויף פלעגט מען
אלע חופה'ס שטעלען;
פלעגען אונטערפיהרער
חתן־כלה פיהרען.

פיהרען צום בעדעקענכ
פונקט פערביי בית עולם;
פלעגען אַלטע ביימער
גריסען חתן-כלה...

לעבען דעם בית עולם
פלעגען איינגלאַך שטיעפען;
האָט דאָרט אויך מיין לעבען
אָנגעהויבען שפּראָצען.

כ'האָב דאָרט איינגעזויגען
דעם בית עולם ריח,
אָנשטאָט בלומען פלעג איך
זעהן בית עולם בלעטער.

אין אן אַלטען הייזעל
מיט פערקלעפּטע שויבען,
האָב איך אָנגעהויבען
אלף בית צו לעהרנען.

און עס האָט א מלאך
דורכ'ן דאַך דעם פייכטען,
פאַר מיין וואוילען לעהרנען
צוקערלאַך געוואָרפען.

און דער בלייכער רבי
פלעגט די באַק מיר קנייפּען :
לעהרנען, לעהרנען ווייטער,
אי, דו שייגעץ איינער!

אין די ווייסע ווינטערס,
אין די נעכט די קאַלטע
פלעגט מען געהן פון חדר
נעגען דער לבנה.

און די ווייסע בוימער,
ווי די הויכע מתים,
פלעגען עפּעס מורמלען
שיטען פון זיך פונקען...

פלעגט אין האַרץ זיך וועקען
אַ געהיימער ציטער ;
פלעגט מען נעהמען זינגען
פלעגט מען נעהמען לויפען...

זומער פלגען בושלעס
אויף די שפּיצען בוימער.
מיין גמרא- נגון
מיר אַקאָמפּאַנירען.

פלעגן קלאַפּען, קלאַפּען
מיט די לאַנגע שנאָבלען,
פלעג איך זיך פערטראַכטען
מפסיק זיין אין לעהרנען.

פלעג איך זיך פערבענקען,
צו די ווייטע לענדער,
וואו די בושלעס פליהען
יעדען יאָהר נאָך סכות.

האָט דאָס הארץ גענומען
ערגעץ וואו צו רופען ׳
האָט דאָס בלוט גענומען
שטאַרק און שטאַרקער זידען.

פלעג איך קוקען, קוקען
צו די ווייסע פויגעל,
און מיט טיעפען בענקען
ווידער נעהמען לעהרנען.

לעהרנען — זיך פערטראַכטען,
טראַכטען לאַנג און זיפצען,
ווי די ווייסע פויגעל
פלעג זיך ווערען פליהען

און עס איז געקומען
יענער טאָג דער שעהנער,
פון ארום בית עולם
מיך אוועקגעריסען.

עפּעס מיט אַ ציטער
האָט דאָס הארץ געזונגען,
ווען איך האָב געזעגענט
זיך מיט׳ן בית עולם.

כ׳געדענק עס האָט דער טאַטע
מיר געזאָגט צום אָבשיעד:
זאָלסט, מיין קינד. אַ איד זיין
זאָלסט אָן גאָט געדענקען.

ניט פערגעס די קברים,
יענע אַלטע קברים —
אויף זיין באָרד האָט לאַנגזאַם
זיך א טרעהר געקייקעלט.

און די מאַמע האָט מיך
הייס געקושט אין שטערען.
אַלץ געדריקט די אויגען
מיט׳ן ווייסען פאַרטוך.

האָט עפּעס גע׳טענה׳ט
און די הענד געבראָכען, —
ביז איך בין פערששוואונדען
מיט פערטרעהרטע אויגען.

אויף א שיף א ווייסען
האָב איך אויסגעביטען,
מיינע ווייסע טרוימען
פון די ווייסע בושלעס...

האָט די שיף געבראכט מיך
צו אַ האַרטען פעלזען.
וואו איך האָב מיין האַרץ
אויף דער העלפט צוריסען.

רב נחמן.

גאנץ פריה, ווען עס שיקט איהרע שטראהלען
די זון צו דעם שטעדטעל ארונטער,
ערוואכען די קינדער אָהן זאָרגען
און לויפען ארויס אין די הויפלעך
בעגריסען דעם נייעם פריהמאָרגען.

עס הערט זיך פון ווייטען די מוזיק
פון פאסטוך, וואס מישט זיך צוזאמען
מיט קולות פון ציגען און שעפסען,
וואָס לויפען ארויס פון די שטאַהלען
ווייט-ווייט אויף דעם פעלד זיך צופאשען.

עס קומען צופאָהרען אין שטעדטעל
פון אַלע ארומיגע דערפלעך,
מיט וועגען פון תבואה און עופות
פויערים וואס האנדלען און בייטען
דאָס אויס, פאר א מאנטעל ביים שניידער
און פאר א פּאָר שיך ביי דעם שוסטער.

עס קנוילען זיך רויכען פון קוימענס,
און מישען זיך אַלע צוזאמען,
און וועבען א גראָהליכען וואָלקען,
וואָס הויבט זיך אַלץ העכער און העכער,
ביז ענדליך פערשווינדט אין דער פוסטקייט
און עס קומען אַלץ נייע און נייע
פון אונטען ארויף, און ערצעהלען
פון פרויען וואס שטעהען און קאָכען
דאָס שפּייז דאָרטען אונטען ביים אויווען.

ארונטער פון בערגעל,ביים שוהל-הויף,
גאנץ ווייט פון דעם גאנצען געטומעל,
פון וואכיגען האנדעל און וואנדעל,
וואו עס הערען זיך קלינגענדע קול'כלעך
פון אינגלעך וואס זינגען אויס ליעדלעך
ביים לערנען דעם חומש און רשי,
זעהט מען פאמעלעך זיך טרעטען
דעם אלטען און פרומען רב נחמן.

אין איין האנד דעם טלית און תפילין,
און אין דער צווייטער א שטעקען,
ער געהט און שטרענגט זיינע בליקען
די שטארע ארונטער, און טרייסעלט
זיין מילך-ווייסע בארד מיט די פאות,
וואס שלענגלען זיך לאנג ביז די שולטער.
ער געהט ערשט פון שוהל, וואו ער איז ערשט
געשטאנען פאר גאט מיט אן אימה.
און געהט זיך צום קליינינקען הייזעל
וואס שטעהט דארט ניט ווייט פון בית מדרש;
ער זעצ זיך ביים טישעל און עסט דארט
א שטיקעלע ברויט א כזית,
אום נאר צו דער האלטען דעם נפש
און קומען א ריינער צום בורא; —
און באלד ווי ער ענדיגט די סועדה,
דאנקט ער אב גאט פאר דעם חסד,
און קעהרט זיך צוריק אין בית מדרש,
ער זעצט זיך אנידער אין ווינקעל.

* *
*

באלד שטרענגט ער זיך אן מיט התלהבות,
און נעהמט די אלט-אלטע גמרא.

ער עפּענט מיט טרייסלענדע הענד זי
און בלעטערט. באַלד הערט זיך אַ ניגון,
וואָס ציטערט אַרום און אַרום איהם.
דער קול ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער,
רב נחמן פערלירט זיך אין גאַנצען
און שוועבט אין דער לופטען צום הימעל,
דאָרט, וואו אין שעהנען גן עדן
זיצען און לעהרנען צדיקים; —
דהיינו בית שמאי — בית הלל, — —
די הייליגע תורה, און ס'שוועבען
מלאכים, אַרום און אַרום זיי:
באַלד ווערט אַנשווייגען אין גאַנצען,
די אויגען געהויבען צום הימעל
און זיצט ווי אַ מאַרמאָר סטאַטוע.

עס הערשט יעצט אין ווינקעל אַרום איהם
אַ הייליגע הימלישע שטילקייט.
עס ציהט זיך אַ שפּין דאָרט אַ גרינער
און בויט זיך אַ זיידענע הייזעל,
עס זשוזשעט איין פליעג צו דער צווייטער:
שאַ-!... שטיל... רב נחמן איז יעצט אין גן עדן!...

* *
*

ביי נאַכט, ווען עס שלאָפט זיך די שטעדטעל,
עס שטעהן די הייזלעך פער'חלום'ט,
בעלויכטען פון בלאַסער לבנה,
וואָס שוועבט יעצט גאַנץ הויך דאָרט אין הימעל;

עס הערט זיך א יתום׳דיג שפּיעלען
פון א פייפעל, וואס מישט זיך צוזאמען
מיט קוואקען פון שזאַבעס, וואָס טראגט זיך
פון דעם דערבייאיגען טייכעל.....
עס טראגט זיך פון ערגעץ א ניגון,
משמעות: א מוטער פערוויעגט עס
איהר קינד מיט א הארציגעם ליעדעל,
און אלעם הילכט אָב אין דער שטילקייט
אזוי ווי פון גייסטער נגונים.....

באַלד הערט זיך א קרעהען פון העהנער,
איינער קרעהעט העכער פון צווייטען;
באַלד קרעהען זיי אלע צוזאמען,
און ווערען צוזאמען אנטשוויגען.....
רב נחמן שטעהט אויף פון געלעגער,
און נעהמט פון דעם אלמער א תיקון,
ער זעצט זיך אויף דר׳ערד באַלד אנידער.
באַלד הערט זיך דער קול פון רב נחמן
וואָס בעט זיך מיט טרעהרען ביים בורא:
ערלייז שוין דיין פאָלק, וואָס פערטריבען
האָסטו פון דיין לאנד דאָ אין גלות.....
עס מורמלען די פּארמענטענע ליפּען
די נעמען פון קדושים וואָס זיינען
געשטאָרבען פאר זיין ליעבען נאָמען.

עס קוקט זיך אריין די לבנה
אין קלייניגקען הייזעל, און צערטעלט
די מילך-ווייסע באָרד מיט די פּאות.
רב נחמן פערגלאָצט זיינע אויגען
צום הימעל און זעהט דאָרט די קדושים

וואָס ס'האָט זיי דער גזלן, דער רשע
געשחט'ען גאָר אָהן א רחמנות,
געשונדען די הויט מיט אַ מעסער
ביז זייער יציאת נשמה
און ס'קייקלען זיך טרעהרען נאָך טרעהרען
אַראָפּ פון די באַקען די בלאַסע,
עס שליסען צונויף זיך די ליפּען —
רבי נחמן בלייבט זיצען פערגליווערט;
ער זעהט ווי עס שוועבען מלאכים,
בעדיענען די קדושים דאָרט אויבען,
וואָס זיצען און לערנען די תורה...

עס קוקען אריין אין דער פענסטער
צוויי נאַכט-פויגלען; פלאַטערען, מורמלען, —
שאַ..... שטיל... רב נחמן איז יעצט אין גן עדן.

דער מויזען קעניג.

אמאָל איז געווען א פּריץ אין שטאָדט,
דער פּריץ געווען איז א שלעכטער;
פּלעגט כאַפּען א אידען און מאטערען איהם,
פערטרייבען מיט שפּאט און געלעכטער.

אַ צורר ישראל, א גלייכען צו איהם
געוועזען איז ניט צו געפינען;
פּלעגט ליעב האָבען שמייסען ביז וואנען מען פלעגט
פון וועהטאָג ארונטער פון זינען.

און איין מאָל שפּאצירענדיג שכור'ערהייט
פערפּוצט אין די פּריץ'ישע קליידער
ער הערט פּיעלע קול'כלעך לערנענדיג זיס,
אין עפּעס א אידישען חדר.

צוקאָכט זיך זיין טרפה'נע פּריצ'ישע בלוט —
אַ העזה אביסעל פון אידען!
גאָר לערנען מיט קינדער; און ס'הויבט אָן זיין בלוט
אלץ הייסער צו קאָכען און זיעדען.

באַלד רופט ער מיט כעס, די דיענער און הייסט
די קינדער מיט'ן רבי'ן צוזאמען
אין חדר פערברענען; דאָס חדר איז באַלד
געלעגען אין גאנצען אין פלאמען.

דאָס קינדישע שרייען דער פּריץ דערהערט,
הויבט ער אָן זיך לוסטיג צו מאַכען;
ס'געפעלט איהם דער עסק, צו זעהן ווי עס ברענט
און ר'הויבט אָן פאר ווילדקייט צו לאַכען.

זיי פּישטשען דאָך — זאָגט ער — אזוי ווי די מייז
באַלד האָט ער דערזעהן פון ווייטען,
א מחנה א גרויסע פון ריעזיגע מייז,
עס קומען פון אַלע פיער זייטען.

דערשרעקט זיך דער פּריץ, ער זעהט שוין זיין שטראף.
ער לויפט זיך אין פּאַלאַץ בעהאַלטען;
באַלד רינגלען אין פּאַלאַץ די מייז איהם ארום,
זיי קומען צו איהם דורך די שפּאַלטען.

זיי פּישטשען און קריכען צו איהם אויפ'ן שוים,
און קריצען אויף איהם מיט די צייהנער:
צושרייט זיך דער פּריץ און רופט זיינע הינט,
דאָך העלפען עס קען איהם ניט קיינער.

צוואויינט זיך דער פּריץ: בעפעהלט זיינע קנעכט,
זיי ברענגען באַלד עטליכע אידען;
ער בעט זיי מחילה, און שווערט זיי ביי גאָט
צו לאָזען זיין לעבען אין פריעדען.

און געבען וועט ער זיי א העלפט פון זיין געלד
צו בויען פאר קינדער חדרים;
און געבען זיי עסען, און קליידער און שיך
און קויפען זיי אידישע ספרים.

און העלפען די אידען מיט אַלץ וואס ער קאָן:
און באַלד ווי ער האָט עס געשוואָרען,
זיינען צוריק אין די שפּאַלטען די מייז
אַלע אַנטלאָפען געווארען.

א צייט האָבען אידען אין פריעדען געלעבט,
פערשוואונדען דער פריצ׳ישער צאָרן;
גאַנץ אפט פלעגט ער שענקען א אידען א קוה,
גאַנץ אפט א פאָאָר מעסטלאך קאָרן.

און איז אזוי גוט דאן געוועזען צו זיי,
ווי ער איז געוועזען נאָך קיינמאָל,
געלאָזען זיי לערנען און זיצען אין שוהל
און דאוועגען, פרום זיין — — ביז איינמאָל —

ביז איין מאָל א ווינטער נאכט איז עס געוועז,
געקנאַט האָט דער פראסט און געשניטען,
עס האָבען די פריצים אין פוטערס געקליידט
זיך פרעהלאך אויף פערדלאך געריטען.

סוף חודש, ס׳איז פינסטער געוועזען אין גאס,
עס געהן די קינדער פון חדר;
דערזעהט זיי דער פריץ צוקאָכט זיך זיין בלוט,
פערגעסט זיין אמאָליגען נדר.

דערשרעקט ער די קינדער און טרייבט זיי אין שניי
און הויבט זיי אָן זידלען און שלאָגען;
באַלד כאפט ער ביים קאָפ זיך, וואס האָט ער געטהאָן!
און הויבט אָן זיין פערדיל צו יאָגען.

ער יאָגט זיך צום פאַלאַץ און אלע מיט איהם.
זיי זיצען זיך טרינקען און עסען:
דער פריץ ער עסט ניט, נאָר טרינקט אָהן א סוף
און זוכט אָן זיין שרעק צו פערגעסען.

עס שפּיעלען די כלי-זמר א פרעהליכען טאַנץ,
די פּריצים בערוישטע פון טרינקען,
זיי טאַנצען, און טאַנצענדיג הויבען זיי אָן
מיט מיידלעך זיך איבערצואווינקען.

און לוסטיגער, פרעהליכער ווערט דאָס געזאַנג,
פערשייטער אַלץ ווערט דאָס געפּילדער,
עס טאַנץ שוין דער פּריץ אריין אויך אין קאָן
דאָס טאַנצען ווערט ווילדער און ווילדער.

און פּלוצלונג א מחנה פון ריעזיגע מייז
עס שפּרינגען ארויף אויף די טישען ;
זיי פּישטשען און טאַנצען און טרינקען דעם וויין,
און עסען די פליישען און פישען.

דאָ האָט זיך דער פּרעהליכער עולם דערמאָנט
וואָס ס'האָט מיט דעם פּריץ געטראָפען ;
זיי האָבען דעם פּריץ געלאָזען אליין
און זיינען זיך אלע צולאָפען.

דער פּריץ משוגע געוואָרען איז באַלד
און האָט זיינע קליידער צוריסען ;
פערלאָזען זיין פּאַלאַץ, אוועק מיט די מייז,
וואוהין ? — דאָס קען קיינער ניט וויסען.

מען זאָגט אז ער טראָגט שוין א מייזישע פעל
און איז מיט די מייז איצטער אייניג ;
עס פאָלגען די מייז איהם אַלץ וואָס ער בעפעהלט
ער איז איצט דער מייזישער קעניג.

דעצ. 15, 1914.

צו קבר ישראָל.

עס איז זיך געמיטהליך א זעלנער אַן אלטער
גאַנץ רוהיג געריטען אין וואַלד אויף זיין פערד,
און פּלוצלונג דער הימעל מיט וואָלקענס פערציהט זיך,
א שטורם ברעכט אויס און מישט הימעל און ערד.

און באלד קומט אַ שטאַרקער, א ברויזענדער רעגען
און צאָרענדיג, וויטהענד א דונער הויך קנאַלט,
און שטעהן בלייבט דער זעלנער, די אויגען פערלאָפּען,
פערלירט ער דעם וועג, וואס ארויס פונ׳ם וואלד.

און פּלוצלונג דערהערט ער א ווילדען געטומעל.
מען שרייט, ער פערשטעהט ניט קיין איינציגען וואָרט,
און ס׳דאכט איהם א לוסטיגע שדים-געזינדעל
וואָס הוליעט און פּראוועט א חתונה דאָרט.

און שטאַרקער און ווילדער ווערט אלץ דער געטומעל,
און הילכיגער, שאַלענדער קלינגט עס אין לופט:
אָט הערט ער דייטליך א הייזריגע שטימע
בעפעהלענד זיין זעלנערישען נאָמען זי רופט.

נאָר דאָ קומט דער זעלנער אריין שוין אין כעס,
און שטרענג מיליטעריש ענטבלויזט ער זיין שווערד.
פּלוצלונג דערזעהט ער געקליידעט אין ווייסען
סקעלעטען פון אידען מיט זילבערנע בערד.

און צווישען דער עדה ברעכט אויס א יללה,
און שרייענדער, ריהרענדער ווערט דאָס געוויין:
— דו אַלטער! מען האָט דיך פון טאַטען און **מאַמען**
געפאנגען צום דיענסט ווען געווען ביזט **נאָך קליין.**

דאָרט האָט מען געשמד'ט דיך, און דו האָסט פערגעסען,
אַז דו ביזט געבוירען א איד אויף דער וועלט,
דו האָסט פאר א ווייב זיך א גויה גענומען,
בעהאַנגען מיט צלמים האָסט דו דיין געצעלט.

איצט ברענגט דיינע ביינער צו קבר־ישראל,
קעהר אום צו דיין פאָלק, ווייל די צייט איז ניט ווייט,
די טעג פון דיין לעבען שוין זיינען געצעהלטע,
דער טויט ווי א שאָטן דיר שטעהט ביי דער זייט.

דורך די וועלדער, דורך די פעלדער,
איבער בערג און איבער טהאָלען,
אין דער האַנד דעם בלויזען שווערד,
לויפט דער זעלנער ווי א וויכער,

גאַלאָפּירט ער גיכער, גיכער,
קוים וואס ער בעריהרט די ערד.
דריי מעת־לעת איז ער געלאָפען,
ניט געגעסען, ניט געשלאָפען,

ציטערענד מיט יעדענס גליעד,
און עס שרייט אין איהם דער קריעגער:
האַלט זיך פעסט און זיי א זיעגער.
קעהר זיך אום און שטאַרב א איד.

עס איז שוין דער הייליגער שבת געקומען,
אין שטעדטעל די אידישע הערצער דערפרערעהט.
אין שוהל איז שוין ליכטיג, עס זיינען די אידען
מקבל זיין דעם שבת קודש שוין גרייט.

קוים האָט נאָר דער חזן מיט ליעבע אין הארצען,
מיט הייליגע פרייד „לכה דודי" געזאָגט,
באַלד האָט זיך אין לופטען א הארציגע שטימע
אזוי ווי א בת-קול פאַנאַנדערגעקלאָגט.

און יעדערער דייטליך געהערט האָט די שטימע.
עס האָט אַ נשמה פון אָבגרונד ערוואַכט,
באַלד האָט מען דערזעהן ביים טהיר פון בית-מדרש
דעם טוידטען, און יעדער דעם סוד האָט פערשטאַנען;
מען האָט איהם צום קבר ישראל געבראַכט.

ר׳ זכריה׳ס נקמה

אוועק איז דער טאָג און די נאַכט איז געקומען
מיט שטילע און רווישלאָזע טריט ווי א מוטער
וואָס געהט צו דעם בעט פון איהר זויג-קינד
צערטליך, און זאַכט ווי א חלום א גוטער.

שאַ שטיל... און עס שלאָפען די פעלדער און וועלדער
די בוימער און גראזען זיך שטעהן אין דרימעל
עס שלאָפען איין טייכען זיך מורמלענדיג תפלות,
עס שלאָפט אויך מיט אָפענע אויגען דער הימעל.

עס נעהמט נאָר קיין שלאָף ניט דעם אַלטען ר׳ זכריה;
א פראַגע איהם מאַטערט און רונצעלט זיין שטערען:
וועה! וועט עס ביז מאָרגען ניט זיין נאָך געפונען
אך, גאָט ווייסט, זיי וועלען די שטאָדט איבערקעהרען.

איהם מאַטערט א פראַגע: רבונו של עולם,
דו האָסט אונזע געגעבען א יום טוב, א זיסען
א זמן חרותנו, האָסטו אונז געגעבען,
מיר קאָנען דיין יום טוב ניט רוהיג געניסען.

עס איז שוין דריי טאָג, זייט עס פאַסטען אין שטעדטעל
די אידישע קינדער, און וויינען און קלאָגען
באַקוקען אלץ איינער דעם צווייטען מיט אויגען,
וואָס פרעגען און וואַרטען: וואָס וועט ער איהם זאָגען?

ער ווארפט זיינע בליקען צום קלויסטער געביידע,
עס זיינען אין פחד שוין דריי טעג פערגאנגען
זייט פאר דער נשמה פון אינגעל דעם טויטען
עס הערען ניט אויף דארט די תפלה געזאנגען.

ער קוקט און עס גרוילט איהם א פינסטערע אימה:
רבנו של עולם, וואס וועט פון אונז ווערען.
חלילה דער אינגעל, זיך וועט ניט געפינען —
אך גאט! און עס פליסען ארונטער די טרעהרען.

אך גאט! און די נאכט הויבט שוין אן צו פערשווינדען,
עס ווערט די לבנה אלץ בלאסער און בלאסער;
זי זעהט ווי עס שווימט אויפ'ן טייכעל א שיפעל
און שניידט דורך דאס שטילע און לויטערע וואסער.

עס זעהט די לבנה און האלט איין דעם אטהעם,
זיי ווילען דעם הייליגען יום-טוב צושטערען,
אט הויבען זיי אויף דארט, דעם אינגעל פון שיפעל
באלד וועט זיך פון וואסער א פלוך לאזען הערען.

אט באלד וועט מען הערען געשרייען: די אידען,
דערטרינקען און מארדען די קריסטליכע קינדער
און קנעטען דאס בלוט איין, אין זייערע מצות, —
פערטרייבט זיי! ראמט אוים פון דעם שטעדטעל די זינדער!

עס געהט ר' זכריה ארוים פון זיין הייזעל,
זיין שטערען זיך רונצעלט, דער פנים ווערט בלאסער,
זיי האבען געוויס לאנג דעם אינגעל גע'הרג'עט
און אידישע בלוט וועט זיך גיסען ווי וואסער.

עס איז נאָך איין מיטעל געבליבען: צושטערען,
פערברענען דאָס שטעדטעל, די הייזער אין פלאמען —
דען סיי ווי דאָך זיינען די אידען פערלאָרען
נו, אויב געהן פערלאָרען, טאָ זאָל זיין צוזאמען.
דאָס מורמעלט ר׳ זכריה, מיט ביטערען צאָרן
מיט דורשט נאָך נקמה פון אידישע שונאים
און מורמלענדיג, קומט ער צום קלויסטער געביידע,
עס שטראהלט אויף מיט ווילדען נצחון זיין פנים.

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— שאַ שטיל... און עס איז שוין די נאַכט באלד פערגאנגען,
און יעדער זיך רוהיג נאָך שלאָפט אויף זיין בעטעל
נאָר איידער דער בלוטיגער טאָג איז געקומען,
פערטרונקען אין פלאַמען געווען איז דאָס שטעדטעל.

1912

אַ בטלן׳ס חלום.

גזעסען אין קלויז איז דער בטלן,
האַלב דרימלענד, אַזוי ווי פערשטאַרט:
די אויגען צום פענסטער געווענדעט,
און האָט אַלץ אויף עפּעס געוואַרט.

עס איז שוין דריי טעג זינט עס האָט זיך
די זון ניט בעוויזען אין שטאָדט;
עס שנעעט און שטורעמט אָהן אויפהער,
אַזוי ווי אַ קללה פון גאָט.

עס זיצען די קרעמער פערזאָרגטע,
פערביסען אַ ליפּ אויף אַ ליפּ;
דער רעגען דערקוויקעט דעם האַנדעל,
דערגעהט ביז׳ן זיבעטען ריפּ.

עס זיינען אין שוהל היינט די אידען,
צורייצטע, פערזאָרגטע גזעסען;
ער האָט זיך געשעהמט זיי צו זאָגען
אַז ער האָט נאָך היינט ניט געגעסען.

זיצט דער בטלן, זיצט און טראַכט:
ניט ער שלאָפט און ניט ער וואַכט.

וואָס וועט זיין דער סוף דערפון?
ווען בעווייזט זיך שוין די זון?

נאָך אַ שעה, און נאָך אַ שעה
און קיין ברויט איז אַלץ ניטאָ.

ס׳פאַלט דער שנעע און פאַלט און פאַלט,
און עס ווערט איהם היים און קאַלט...

עפּעס טהוט איהם וועה זיין הארץ;
פאַר די אויגען ווערט איהם שוואַרץ;

עפּעס מישט זיך איהם אין קאָפּ,
און די כחות לאָזען אָפּ.

און ער זיצט און טראַכט און טראַכט;
און אָט פאַלט שוין צו די נאַכט;

קוקט ער זיך דערשראָקען אום:
ווייסע דעכער אומעטעום...

פאַלט איהם איין א קלוג געדאַנק:
ר׳וועט זיך לייגען אויפ׳ן באַנק.

טראַכטען וועגען פלייש און וויין,
און דעם הונגער גובר זיין.

און איהם חלום׳ט: עמיץ רופט איהם,
ס׳רופט א מיידעל: קום ארויס!
כ׳וועל דיר געבען עסען, טרינקען,
קום-זשע, קום, צו מיר אין הויז.

זעהסטו דאָרטען יענע הייזעל?
דאָרט איז ווארעם, דאָרט איז ריין;
אַלע זיינען זיך צופאָהרען,
און איך וואָהן זיך דאָרט אַליין.

נאָר דער בטלן רעדט פער׳עקשן׳ט;
כ׳וועל אין הייזעל ניט אריין
ביזט א אשה, און איך שרעק זיך
דאָרט אַליין מיט דיר צו זיין.

קום, ניט שרעק זיך, נאָר דו איינער,
כ׳וועל דאָך דיר קיין שלעכטס ניט טהאָן,
כ׳האָב צוויי שטולען און א טישעל;
ועסט זיך זעצען אויבען-אָן;

און איך וועל דיר געבען עסען,
כ׳האָב שוין אָנגעגרייט פאַר דיר. —
און זיי שטעהן שוין ביים הייזעל,
און זי עפענט אויף די טיהר.

ליכטיג, ווארעם איז אין הייזעל,
אויך דאָס עסען איז שוין גרייט.
וואַשט ער זיינע הענד, און זעצט זיך;
מאַכט א ברכה אויפ׳ן ברויט.

עסט ער פלייש פון פולען טעלער,
ווערט איהם פרעהליך, ווערט איהם גוט;
גיסט זי אָן א גלעזעל וויין איהם, —
טרינקט ער; רוישט און קאָכט זיין בלוט.

זינגט זי איהם א לוסטיג ליעדעל,
רייצט איהם אויף איהר זאַנפטער שטים;
פונ׳ם הייזעל ווערט א פּאַלאַץ. —
גאָלד און זילבער ארום איהם.

רייצענד ליעגט זי אויסגעצויגען
אויף אן אריענט-טאַפּעט.
און זי ווינקט צו איהם און רופט איהם,
פול מיט ליעבע און געבעט.

איהרע אויגען שפּריצען פייער
און איהר לייב איז צאַרט אין קלאָהר;
ווי א כוואַליע, אויף איהר האַרצען
איהרע לאַנגע, שוואַרצע האָר.

שרעקעדיג די אויגען פינקלען,
אין זיין ברוסט אַ פייער ברענט.
קרייזעלט זי זיין באָרד און פּאות
מיט די ווייכע, צאַרטע הענט.

באַלד דערמאָהנט ער זיך: וואָס טהוט ער?!
און דער עונש נאָכ׳ן טויט?...
הייסע ריטער, פּעך און שוועבעל
איז שוין פאר איהם אָנגעגרייט;

קראָקאָדילען, פּיפּערנאָטערס
בייסען איהם מיט ווילדען האַס...
און פּערציטערט הויבט ער אויף זיך,
וויל ארויסלויפען אין גאַס.

עפּעס הויבען זיך די פיס ניט,
א געלעהמטער בלייבט ער שטעהן;
זעהט ער ברענענדיגע שלאַנגען
זשיפּען, קריצען מיט די צייהן.

וויינט ער... רופט צו הילף די מיידעל;
קוקט דערשראָקען אויף די ווענד: —
— כאַ, כאַ, כאַ, כאַ!... ביזט געפאנגען
ביי דער טומאה אין די הענד! —

גאָט דו ליעבער! גאָט גערעכטער!
נעהם פון טומאה מיך ארויס!...
— כאַ, כאַ, כאַ, כאַ... — הילכט עס ווידער.
— שמע ישראל! — שרייט ער אויס.

א פערשוויצטער כאַפּט ער אויף זיך,
מיט א ביטערען געוויין:
— בעל עבירה! צוליעב עסען
וועסטו כף-הקלע געהן!...

1915

פרייהייט.

זיצט כביכול אויף זיין טהראָן שטוהל
און ער משפט און בעפעהלט
די מלאכים זאָלען טראָגען
גליק און אונגליק אויף דער וועלט.

די משרתים בוקען, קניהען,
ווארטען — באַלד וועט ער זיי שיקען
טראָגען ארימקייט און דחקות,
טראָגען אוצרות, טראָגען גליקען.

דעם ערנידרונג, יענעם כבוד —
דער זאָל ווערען אויסגעריסען
אין פאבריק זיין גאַנצען לעבען
און קיין גוטען טאָג געניסען.

לאַנגזאַם הויבט דער „עתיק יומיו"
זיינע לאַנגע, ווייסע ברעמען,
קנייטשט דעם שטערען, גיט א צייכען,
צו דער ארבייט זיך צונעהמען.

און עס טראָגען די מלאכים,
פליהען איינער נאָכ'ן צווייטען;
דער — א פעקעל מיט בריליאנטען,
דער — א פאַק מיט שווערע קייטען...

איינער טראָגט עפּעס פּערוויקעלט,
שעהמט זיך אימיצען צו ווייזען;
ר'טראָגט אַ קרוין פון לויטער גינגאָלד
צו אַ האַרץ פון שטאָהל און אייזען.

גאָר אָהן חשק טראָגט דער מלאך
די מתנה און ער ציטערט;
אָה, ער קען די קרוינען-טרעגער!
און ער פיהלט זיך שטאַרק פערביטערט.

קוים וועט ער די קרוין איהם אָנטהאָן,
וועט ער לענדער אונטערדריקען,
און די בעסטע פון די מענשען
וועט ער הענגען און דערשטיקען.

גאַנצע מחנות, שטאַרקע יונגע,
בערג מיט גאָלד און זילבער טראָגען,
און עס טענה'ן די מלאכים
צום בעשעפער און זיי זאגען:

איינער פון די ערד-בעזיצער
וועט דערויף אַ הערשער ווערען,
און מיליאָנען שקלאַפען וועלען
גראבען גאָלד און גיסען טרעהרען.

הערט כביכול זייער טענה
און פערשפּרעכט זיי צו באשאפן
אַ געדאַנק פון ליכט און פרייהייט
פאַר די אונטערדריקטע שקלאַפען.

און ער פלעכט אַ שעהנע יונג-פרוי
פון די צאַרטסטע זונען-שטראהלען
און בעפעהלט, אז אלע שופרות
זאָלען אָנהויבען צו שאַלען.

גאָט אַליין ווערט שטאַרק בעגייסטערט,
ס'איז זיין קונסט-ווערט איהם געפעלען;
און ער בעט דישעהנע פרייהייט,
ביי זיין טראָהן שטוהל זיך צו שטעלען.

ליכטיג ווערט אין אַלע הימלען,
פרעהליך ווערט אין אַלע עקען;
אויך די שלעפער אין גן עדן
הויבען אָן זיך אויפצואוועקען...

ס'האַלט די חנ'עוודיגע פרייהייט
הויך אַ פאַקעל אין איהר האַנד
און כביכול גיט אַ צייכען:
טראָגען זי פון לאַנד צו לאַנד.

און עס ווערט א גרויס געררודער,
יעדער וויל די פרייהייט טראָגען;
כאפּען איינער פון דעם צווייטען,
ביז מ'הויבט זיך אָן צו שלאָגען...

ווערט כביכול שטאַרק אין כעס,
מאַכט א סוף צום גרויסען טומעל;
טרייבט זיי איינציגווייז פארנאַנדער
און די פרייהייט בלייבט אין הימעל.

ס'שטעהט די פרייהייט אַ בעטריבטע,
גיסט מיט טרעהרען. און פון ווייטען
שטעהט און טריאומפירט דער שטן,
לאַכט און האַלט זיך ביי די זייטען...

*
* *

עס שלאָפט די שטאָדט, און איך — מיר שלאָפט זיך ניט.
עס רוישט אַ בוים, עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינד,
עס פאלען בלאַט נאָך בלאַט, איך קוק מיר דאַכט
עס דראָהעט מיט אַ פינגער-צווייג דער בוים:
דו אומרוהיגעס קינד, וואָס שלאָפסטו ניט!

עס שלאָפט די שטאָדט, עס שלאָפט די נאַכט אַליין,
מיר דאַכט איך הער עס קלאפּען שווערע טריט,
עס ציטערט אויף מיין האַרץ — ווער איז דאָס ווער? —
ס'איז קיינער ניט, עס דראָהעט אלץ דער צווייג:
דו אומרוהיגעס קינד וואָס שלאָפסטו ניט!

*   *
*

אזוינע ווי איך מוזען ליידען,
און ליידען, דאס הייסט ביי אונז לעבען;
ווייל אין דער צייט וואס מיר ליידען
גוטע חלומות זיך וועבען.

אזוינע ווי איך פאנטאזירען
פון בלומען און ווארימע שטראהלען;
און געהען אין גליטשיגע בלאָטעס
און פאלען, און פאלען, און פאלען.

ביים וויין-טישעל

קום-זשע, קום-זשע, גוטער ברודער,
לאָמיר געהן אין שענק אריין.
זעצען מיר זיך ביי א טישעל
גיסען אָן די גלעזער וויין.

האָט דיין ליעבסטע דיך פערלאָזען,
איז אין הארצען דיר א וואונד?
גים איך אָן דיר נאָך א גלעזעל,
טרינקען מיר פאר איהר געזונד.

וואס-זשע ארט דאס שטילע היים אונז
ווען עס איז פאר אונז פערשפארט?
וואס-זשע טויגען גוטע אויגען
ווען זיי האָבען אָבגענארט?

נאָך א גלעזעל! נאָך א גלעזעל!
ווערט אונז פרעהליך, ווערט אונז גוט;
נעהמט אין קאָפּ אביסעל שווינדלען
הייסער יאָגט דאס יונגע בלוט.

הויבען אָן די גלעזלאך טאנצען
ווערט דער וויין ווי פייער רויט —
ס'איז א סימן: גאָט פון ליעבע
האָט עפּעס פאר אונז געגרייט!....

האַ, דו צווייפעלסט? זאָגסט אז יענע
קאָן נאָך אויך א פאלשע זיין? —
העי דו גוטער, ליעבער קעלנער!
נאָך א קריגעל רויטען וויין!

*   *
*

האָסט מיט דיין ציגיינערישען קלייד
בּאַוויזען זיך אין אונזער גרויען טהאָל,
פּייעריג געוועזען איז דיין בּליק
און אומרוהיג געקלונגען האָט דיין קול.

בּלויז א ווייל׳ע אונזער טהאָל בּאַלעבּט
און געטריבּען גיכער אונזער צייט....
בּאַלד האָסטו אונז דיין לעצטען בּליק געשענקט
און פערשוואונדען אין דער ווייטער ווייט.

*   *
*

געהסט אליין אוועק אין שטורעם,
אונטער דונערען און בליצען,
גאָט ווייסט וואס דיך קאָן דאָרט טרעפען —
גאָט זאָל דיך באַשיצען.

אויף א פרעמד פערוואָרפען בערגעל
ועסטו ערגעץ בלייבען זיצען;
ועט א וואָלף נאָך דיר זיך יאָגען —
גאָט זאָל דיך באַשיצען.

*   *
*

איך בין איהרע זינד איהר מוחל,
ליעבער גאָט, אויך דו זיי מוחל!
זאָל אויף איהר פערטרויערט פּנים
ווייזען זיך א שמייכעל.

זי איז נור א קינד א שלעכטע,
קינדער מוז מען דאָך פערגעבען —
זאָל א ליכטיג שטראַהל פערבלאָנדזשען
אין איהר פינסטערן לעבען.

*   *
*

כ'האָב געשטיקט צאָרן אין מיין הארצען,
האָט עס אין מיין הארצען שטיקער אויסגעברענט.
איצטער שעפּטשע איך פאַר דיר א תּפלה
האַלטענדיג צום הימעל אויסגעשפּרייט די הענד.

כ'בין ווי בלעם שילטען דיך געגאַנגען,
פּלוצלונג האָט עפּעס אין הארצען טיעף ערוואַכט —
האָט מיין האַרץ געבענשט דיך מיט א תּפלה
און שטיל געוויינט, אין שטילקייט פון דער נאַכט.

*

* *

איך האָב פאַר מיין אייגענער טיר
א שטיינערנעם צאַם אויפגעבויט,
א צאַם פאַר מיין בענקענדער האַרץ
און קיינעם דעם סוד ניט פאַרטרויט.

און רייסט זיך מיין בענקענדע האַרץ,
און וויל אויף דער פרייהייט ארויס;
דאַן ברעך דעם צאַם מיט׳ן קאָפּ
און קען ניט, און קען ניט ארויס.

איך האָב א מזבח געבויט,
אַלס קרבן מיין בענקשאַפט געבראַכט;
האָט ווער פאַר די הענד מיר געכאַפּט
און שטיל פון מיר חוזק געמאַכט:

דו נאַרישער, שוואַכינקער העלד
דו קאָנסט אָהן דיין בענקשאַפט ניט זיין —
מיין קאָפּ האָט געבויגען זיך טיעף
א טרעהר איז אין פייער אריין.

די טרעהר האָט געזאָדען אין פלאַם
און איבערגעלאָזען א פלעק....
פער׳שכור׳ט פון רויך און פון דאַמפּף
בין איך מיט מיין בענקשאַפט אוועק....

אינהאַלטס-פערצייכנים

איך בין ווי א ווייכינקע בוימעל — 1
א האָר — 2
צו א קינד — 3
א שלאַנג — 4
פעדערען פליהען — 5
א הונד — 6
אויף א יונגען בוימעל — 7
מיין הויף — 8
אין א שפעטער נאַכט — 9
דאס ליכט צאַנקט — 10
פון מיטען וועג — 11
דעם דיכטער׳ס ווייב — 13
בעגעגנים — 16
מיינע יאָהרען — 17
אין א בלייכען טאָג — 18
עס גיבען מינוטען — 19
שטרעבען — 20
יוגענד — 21
זאָל איך? — 22
אויף דער עלטער — 23
אין דער פינסטער — 24
ביים וואַסער — 25
פאַרטאָג — 26
טאָג און נאַכט — 27
כ׳האָב געקויפט — 28
אויף׳ן טויט פון י. ל. פרץ — 29

פאָלקס מאָטיוען

א פאַלשער חתן — 30
א שוועסטער — 31
זינגט א יונגע מאַמע — 31—32
רחל׳ע די גאָלדענע — 32—33
אויף די וועגען רייגע — 34

ווינטער

דער ערשטער שנעע — — — — — — 35
דרעהט דער שנעע — — — — — 36
דער אייביגער קאמפף — — — — — 37
שניי — — — — — — — 38
א ווינטער פארנאכט — — — — — 39
צו א ווינטער נאכט — — — — — 40
אין שניי שטורם — — — — — 41
א וויין ליעד — — — — — — 42

אויפ׳ן טייך

אוועק פון די שטורמדיגע גאסען — — — 43
זינגט מיין הארץ — — — — 44
ציהט זיך א מילך־שטראם — — — — 45
שטיפען די שוימיגע כוואליעס — — — 46

אין א זון-טאג

האט גאט — — — — — — — 47
געהט א מיידעל — — — — — 48
כ׳האב אנטקעגען זון — — — — — 49
געהט אוועק דער ליבער טאג — — — — 50
אין גאס איז אזוי לופטיג — — — — 51
ס׳הארץ איז אזויווארעם — — — — 52

צו א מאנאשקע — — — — — 53
הארץ שטורם — — — — — — 54
א טאג אין נו יארק — — — — — 55
אויף די שטיעגען — — — — — 56

איךווארט אויף דיר — — — — — 59
איהר בליק — — — — — — 60
איך האב אין חלום דיך געזעהן — — — 61
דו האסט דאך איצט — — — — — 62
איהר בילד — — — — — — 63
זי וויגט איהר קינד — — — — — 64
ווערסט מיין הויז — — — — — 65

געהט א פּאַרל — 66
איך האָב דיך ליעב — 67
לאַכעדיגע — 68
ווייסט ניט — 69
איך וועל ווי א גנב — 70
ווי א יונגער אינגעל — 71
בין נעבען דיין צימער — 72
איך האָב דיך אין חלום געקוסט — 73
דיינע אויגען — 74
מיין יום טוב — 75
געגען שטראם — 76
מיין ליעבע — 77
אין א שעהנער נאַכט — 78

פון דער מלחמה

דער רוף — 81
זייער פריהלינג — 82
א געטרייער העלד — 83
א נייע וויעג־ליעד — 85
קינד, אָה קינד — 86
א גרוס — 87
וואוהין — 88
אויף די חורבות — 89

אין א שטילען ארט

האָסט גאָט — 90
אָט אַזוי — 91
ציהט זיך — 92
עס רעגענט — 93
שטיל אין שטוב — 94
האָב אימער געטרוימט — 96
וואַנדערען — 97
איך ווייס — 98
איך ווייס אויב זיין וועל איך אליין — 99

איך וויל דו זאָלסט צום גוטען — — — — 100
בין ביז אויף דיר — — — — — 101
אָפּט מאָל — — — — — — 102
צו א ציגיינערין — — — — — 103
איך האָב גאַנץ פריה — — — — — 104
מיר האָבען זיך בעגעגענט — — — — !05
ווען די נאַכט וועט קומען — — — — — 106
מיינע וואונדען — — — — — 107

אין גאַס

דעם קאָפּ אויפגעהויבען — — — — 108
אויסגעפּוצט אין שוואַרצען — — — — 109
אויף א קעסטעל — — — — — 110

פון דער היים

אויף וואס — — — — — — 113
א חלום — — — — — — — 115
א מאַמעס לעצטער קרעכץ — — — — 117
ארום בית עולם — — — — — — 118
רבי נחמן — — — — — — 129
דער מויזען קעניג — — — — — 134
צו קבר ישראל — — — — — — 138
ר׳ זכריה׳ס נקמה — — — — — 141
א בטלן׳ס חלום — — — — — 144
פרייהייט — — — — — — 149

עס שלאָפט די שטאָדט — — — — 155
אזוינע ווי איך — — — — — — 156
ביים וויין־טישעל — — — — — 157
האָסט מיט דיין ציגיינערישען קלייד — — — 158
געהסט אליין — — — — — — — 159
איך בין איהרע זינד איהר מוחל — — — 160
כ׳האָב געשטיקט צאָרן אין מיין הארצען — 161
איך האָב פאר מיין אייגענער טהיר — — 162